STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01436

DER VILDER MENSH

Jacob Gordin

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Anita & Paul Sigel
in memory of
Shepsel & Toba Sigel and Pinchas & Hinda Levinson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
ווילדער מענש

לעבענס־בילד אין 5 אקטען 7 בילדער.

פון

יעקב גארדין

פערלאג „יבנה"

ווארשא

דרוק נ. סטאראוואלסקי, געגשא 18

תרס"ז

„ДЕРЪ ВИЛДЕРЪ МЕНШЪ"
Жизненная картина въ 5-ти дѣйствіяхъ

соч. Я. ГОРДИНА

Изд. „ЯВНЕ"
Варшава 1907.
Типографія Н. Старовольскаго Гусья 18.

די פּערזאָנען:

שמואל לייבליך: אַ אַלטער רייכער ווייצהענדלער

זעלדע: זיין 2=טע פרוי

זיאָמאַ: גימנאַזיסט — זיינע קינדער

אַלעקסאַנדער: גלאַט אַ נאַר נישט — זיינע קינדער

לעמעך: אַ אידיאָט — זיינע קינדער

ליזאַ: אַ האַלב ענטוויקעלטע מיידעל — זיינע קינדער

וולאַדימיר וואָראָבייטשיק: זעלדעס געליעבטער

שפרה: דינסט ביי לייבליך

פייוויל גאָלדשטיין: שלעפּט זיך צו ליזאַ'ן

גאַסט, גימנאַזיסטען, זשוליקעס, כאָר א. ז. וו.

די מעשה קומט פאָר אין אָדעסאַ

ערשטער אקט.

ציממער, רעכטס לינקס טישען, לינקס קאסא־שראנק אויפ׳ן קאסא הענגט א קאנטשיק. שפרה.

שפרה: (ארום־ווישענדיג די מעבעל) איך פרעג נישט מעהר צו וואס דארף ער עס, זאל איך אזוי וויסען רבונו של עולם פון א שווער טראגען ווי איך קען דאס פערשטעהן מיט מיין ווייבערשען געהירן, אזא אנ׳אלטער שטורמאק וואס טראגט קוים דעם קאפ אויף די פלייצעס ווערט פלוצלונג משוגע און האט חתונה אויף דער עלטער, א די מאנס־בילען, די מאנסבילען! עס איז פון זיי ניט אויסצוהאלטען. מיט איין פוס שטעהט ער אין קבר און מיט׳ן אנדערן קריכט ער צו דער חופה, אז ניט גערדאכט זאלט איהר נור ווערען ווער עס האט אייך נאר אויס־געטראכט אויף אונזערע קעפ! (רוימט כסדר) די חופה האבען זיי געשטעלט דארט און ווען באלד קומען אהער. דא וועט זיך ערשט אנהייבען א נייע חתונה, דאס יונגע ווייבעל וועט זיך אם ירצה השם רייסען מיט׳ן אלטען תרח, די קינדער וועלען זיך בייסען מיט דער שטיף־מאמע און איך מיינט איהר וועל שווייגען, איך בין דא אין הויז שוין 14 יאהר איך האב אויך א דעה, אהן א מאראם האב איך אויך דאנקען גאט געוואוסט ווען אויפשטעלען דעם סאמאוואר, פערפיהרען די ראטשעניע און איבערזיפען דאס מעהל, און לאז נאר די נייע בעל־הבית׳טע פריוען עפענען איהר מויל, וועל איך איהר פערשפייען די אויגען, ווי איך בין א יודישע טאכטער. (מען הערט פון צווייטען צימער גאלדזאכען פאלען) אוי וועה מיר, דער ווילדער האט שוין דארט ווידער עפעס צובראכען עס איז גאר ניט אויסצוהאלטען פון איהם, אט געהט ער שוין דער ווילדער מענש (אויפטריט למך).

למך: (לויפט אריין ווי איבערגעשראקען, פארקוקט זיך אויף זיין שטן) פאר וואס איז דאס? אז איך שטעל מיך אזוי איז מיין שטן א גרויסער, שטעל איך מיך דא איז ער א קלייניטשקער, ווי באלד איך ווער ניט גרעסער פאר וואס ווערט ער גרעסער, איך מוז עס פרעגען ביי מיין ברודער שמעון (שטויסט זיך אויף שפרה).

שפרה: (שטויסט איהם אב) וואוהין קריכסטו? דו אידיאט! זעהסט

ניט אַז איך האָב ערשט אויפגעראָמט — געה שוין צו אַלדע שוואַרצע יאָהר.

למך: טפוי זאָלסטו ווערען, אָבער תמיד שרעקסטו מיך איבער. ניט אומזיסט חלומסטו זיך מיר מיט הערנער און מיט איין עק אַזוי ווי אַ רוח.

שפרה: אַז דער רוח זאָל דיר שוין נעהמען פון מיין קאָפּ, טאַטע זיסער.

למך: שפרה, צו וואָס דאַרפסטו מיך שעלטען? האָט דען גאָט מיך וועהניג פאַרשאָלטען? דיר איז גוט, אַז דו זאָגסט אַ נאַרישקייט לאַכט מען און מיך שלאָגט מען. דיך רופט מען, שפרה זייט זשע מוחל און מיך רופט מען, פראָסט אידיאָט, און וואָס בין איך שולדיג? האָב איך דען געמאַכט אַז דו זאָלסט זיין שפרה און איך אידיאָט? אָט פרעג אַפילו ביי מיין ברודער שמעון.

שפרה: געה פרעג בעסער ביי דיין ברודער שמעון, וואָס האָט דער טאַטע דיינער דער חכם געטהון, דו ווייסט גאָר ניט? דיין טאַטע האָט דאָך היינט חתונה געהאַט און באַלד וועט ער דיר אַריינברענגען אַ מתנה אין שטוב אַריין, אַ נייע מאַמע.

למך: מיר קען מען ניט ברענגען אַ נייע מאַמע, מיין מאַמע איז אויפ'ן הימעל. קיינער האָט מיך ניט אַזוי ליעב ווי מיין מאַמע אפילו מיין ברודער שמעון האָט מיך ניט אַזוי ליעב ווי מיין טהייערע מאַמע, ווייסט שפרה, איך זעה זי אַלע נאַכט אין חלום, זי זעצט זיך נעבען מיר אַנידער און לעגט אַרויף איהר קאַלטע האַנד אויף מיין וואַרעמען שטערן און ווישט מיר אָב די שוויים... מיר איז נור גוט ווען איך שלאָף און זעה אַרום זיך ניט אַזעלכע מענשען ווי ביי טאָג. אַז מיין מאַמע האָט געלעבט האָט זי מיך אָפּגעהיט, מיט טרעהרען פלעגט זי בעטען ער זאָל מיך ניט שלאָגען. הערסט שפרה, אַמאָל האָט דער טאַטע מיר געוואָלט געבען אַ שטאַרקען שמיץ מיט'ן קאַנטשיק האָט זי אונטערגעשטעלט איהר האַנד און אויף איהר דאַרער ווייסער האַנד איז אַרויס אַזאַ רויטער שטראָם ווי אַ גראָבע שטריק (צו=וויינט זיך) אוי מאַמע, מאַמע!

שפרה: וואָס האָסטו זיך צורעוועט ווי אַ אָקס, דו אידיאָט?

למך: בעסער וואָלט איך אָדער דער טאַטע געשטאָרבען און די מאַמע זאָל לעבען.

שפרה: וועסט אויפהערען צו ניין, דו ווילדע חיה? אָט נעהם איך דעם קאַנטשיק וועל איך אויסלאָזען צו דיר וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט. — (נעהמט דעם קאנטשיק, למך וויינט) אַלע פינסטערע בייזע חלומות צו דיין קאָפּ... (שלאָגט איהם, נאַ, נאַ)!

למך: (וויינענד) שלאָגט מיך ניט שפרה, שלאָגט מיך ניט (זי שלאָגט איהם, אויפטריט זימאַן מיט ביכער, פאַפיער בלייפעדער).

זימאַן : (שטויסט אָב שפרה) וואָס טהוט איהר שפרה, ווייסט איהר דען ניט וואָס פֿאַר אַ סקאַנדאַלען עס קומען פֿאָר ביי אונס מיט'ן פֿאָטער ווייל ער ערלויבט זיך איהם צו שלאָגען און וואַגט אויך דעם אונגליקליכען צו בעליידיגען (למך גלעט זימאַן) .

שפרה : איך שלאָג איהם דען ווייל איך בין איהם חלילה אשונא ? גוואַלד, אַז מען וועט איהם ניט שלאָגען און ניט לערנען וועט ער דאָך אין גאַנצען אַרויס פֿון די האַלאָבלעס (העננט אויף דעם קאַנטשיק) איהר פֿערלאָזט אייך נאָר אויף מיר, איך פֿערשטעה מעהר פֿון די וואָס האָבען אייך געשריבען אָט די ביכלעך אייערע מיט די יוצרות (אָב) .

זימאַן : (לעגט אַוועק די ביכער אויפ'ן טיש) ווי איך טרעט נאָר אַריבער די שוועל פֿון אונזער הויז פֿאַרגעס איך אַז איך בין יונג אַז איך האָב לוסטיגע און גוטע קאַמעראַדען, איך מיין אַז איך בין אַן אַלטער מאַן בעלעסטיגט מיט זאָרג און קומער, נור ער האַלט מיך אויף אין דיעזען טרויעריגען און פֿינסטערען גרוב .

למך : שמעון ... איך האָב דיך עפּעס געוואָלט פֿרעגען ... איך האָב שוין פֿערגעסען, תמיד האָב איך דיך אַזוי פֿיעל צו פֿרעגען און פֿאַרגעס . . אָט ערשט האָב איך געטראַכט .. איך זאָל ניט האָבען אַזאַ אידיאָטישען קאָפּ וואָלט איך אפשר גאָר קיין אידיאָט ניט געווען ... שמעון , האָסט מיר געבראַכט אַשען ביכעלע מיט קאַרטינקעלעך ?

זימאַן : יאָ מיין ברידער, דאָ האָב איך דיר געבראַכט אַ סך קאַרטינקעלעך זעץ דיך , דאָ האָסטו פּאַפּיער און בלייפעדער שרייב און מאָהל פֿיגורען . איך האָב דיר געבראַכט אַ ביכעלע, דאָס איז אַשענע געשיכטע פֿון איין אַלטען מיט אַ גאָלדען פֿישעלע נעהם זעץ דיך און אַז איך וועל פֿאַרטיג ווערען מיט מיינע אוראָקען וועל איך דיר לייענען די גאַנצע געשיכטע .

למך : (זיצענד ציילט קאַרטינקעס) איינס , צוויי, דריי, פֿיער, פֿינף, זעקס, זיבען, דרייצעהן, צוואַנציג, פֿערצעהן, דרייסיג, אוי אַזוי פֿיעל קאַרטינקעלעך (מאָהלט עפּעס) שמעון און וואָס טהוט דער אַלטער מאַן מיט דעם גילדענעם פֿיסעלע ? ער עסט אויף ? ער מוטשעט עס ? ער צושניידט עס אויף שטיקער. אָדער שמייסט ער עס מיט אַקאַנטשיק דערפֿאַר וואָס עס קען ניט ריידען ?

זימאַן : ניט אַלע מענשען זענען אַזעלכע שלעכטע . דער אַלטער פֿישער איז געווען אַגוטער, האָט אָבגעלאָזט דאָס גאָלדענע פֿישעלע צוריק אין ים אַריין. זיין פֿרוי איז אָבער געווען אַשלעכטע, האָט זי אַלע טאָג געטריבען דעם אַלטען ער זאָל געהן און בעטען ביים פֿישעלע נייע בעלאָהנונגען דאָס פֿישעלע האָט געגעבען דער אַלטער באָבע פֿיעל זילבער , גאָ״ד און האָט זי געמאַכט פֿאַר אַקעניגין און זי איז אָבער געווען אונצופֿריעדען. צום ערשטען מאָל ווען דער אַלטער איז געקומען צום ים רופֿען דאָס פֿישעלע איז דאָס וואַסער געווען שטיל

די זון האט געשיינט העל. צום צווייטען מאל איז שוין די זון געוועזן נים לויטער, דער ים אונרוהיג. צום דריטען מאל האבען די וועלען געראושט, די זון האט זיך פערבארגען אין אדונקעלן וואלקען. דאס לעצטע מאל איז געוועזן שרעקליך פינסטער דער ים האט געשטורמט, די וואסערן האבען געקאכט דער ווינד האט געריסען און געיאמערט, עס האט גערונערט און געבליצט...

למך: אוי, אוי, אזא שענע געשיכטע דער ים האט געשטורמט, די וואסערן האבען געקאכט, דער ווינד האט געריסען און געיאמערט, עס האט גערונערט און געבליצט... (שפרינגט ווילד איבער'ן שטוב, אויפטריט אלכסנדר).

למך: (מיט זיינע הענד אויף אלכסנדר'ס פנים) עס האט גערונערט און געבליצט...

אלכסנדר: הער אויף דו אידיאט, וואס מאכסטו פוילע שטיק (למך דאס זעלבע).

זימאן: למך, שטיל! זעץ דיך אויף דיין ארט, אז דו וועסט זיך נאך אמאל מאכען נאריש וועל איך דיר קיינמאל מעהר קיינע געשיכטען ערצעהלען.

למך: ניין, איך וועל מיך שוין קיינמאל ניט מאכען נאריש איך וועל מיך מאכען פאר אזא חכם ווי אלכסנדר חא, חא חא... (לאכט אידיאטיש זעצט זיך נעבען זימאן).

אלכסנדר: איך ארבייט שווער ווי א עזעל און פאר וועמען הארעווע איך? פאר'ן רוח! דאס איינציגע גליק וואס מיר האבען זיך דערלעבט פון אונזער פאטער איז דאס, וואס ער וועט אונז אריין-ברענגען אנייע מאמאשע אין שטוב אריין. אויף אפעקעל טאבאק ושאלע וועט ער געלד און חתונה האבען ערלויבט ער זיך. (אויפטריט ליזא פערוויינט) אונזער בת יחיד'קע ליזא האט דאך פאר איהם קיין מורא ניט — וואס שווייגסט זי? וואס קוקט זי איהם אין די צעהן?

ליזא: ווער זאגט אייך דען אז איך שווייג, איך וויין און לאך היינט אגאנצען טאג, מזל טוב אייך קינדער אונזער אלטער טאטע איז געווארען א יונגערמאן, אונזער קארגער פאטער וועלכער האט געזשאלעוועט געלד אויף שיך, איז מיט איין מאל געווארען מילד און האט זיך געקויפט איונגע פרוי, נא דאנקען גאט, דעם טאטען האבען מיר שוין פערזארגט, חתונה געמאכט, און וואס וועט זיין יעצט מיט אונז? איך האב היינט אזוי פיעל געוויינט ווי אין דעם טאג ווען אונזער טייערע מוטער איז געשטארבען.

למך: איך געדענק, ווען די מאמע איז געשטארבען זי האט שוין צו געמאכט איהרע גוטע אויגען, זי האט אציטער געטהון און האט ווידער אויפגעעפענט איהרע אויגען און האט געזאגט דעם טא=

מען מיט אַשוואַך קול „שמואל, האָב רחמנות אויף איהם, אויף מײַן אונגליקליך קינד". און זי האָט ווידער צוגעמאַכט איהרע אויגען און אַט אַזאַ גרויסער טרעהר (ציוגט) האָט זיך אַראָבגעקאַטשעט אויף איהרע בלאַסע באַקען ... שמעון, צו וואָס ווערט מען געבוירען און צו וואָס שטאַרבט מען? (אלע ווײנען שטיל).

ליזאַ: אָה, אונגליקליכער ברודער! בעסער וואָלטען מיר אַלע ניט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט.

אלכּסנדר: ווײנט ניט קינדער, איהר ווייסט? ווען איך זאָל נור ווע'לען קען איך מאָרגעדיגען טאָג קריגען די בעסטע שטעלע ווי איך בין אַיודיש קינד, די גרעסטע וויצהענדלער שטאַרבען דאָך נאָך מײַן טריט, אַקליינינגקייט נאָך אלכּסנדר לײַבליך, זאָל איך ניט דערלעבען אויף־צו־שטעהן פון דעם אָרט אויב איך זאָג איין וואָרט ניט אמת, מיר וועט מען געבען טויזענד און צוויי טויזענד רובל אַיאָהר געהאַלט, איך וועל אַלעמען נעהמען צו זיך, אָדער אַז ניט וועל איך גאָר חתונה האָבען, מיר וועט מען געבען אַכּלה מיט 10 טויזענד רובל נדן, ווי איך בין אַ יודיש קינד.

למך: אוי באַקט אונזער אַלכּסנדר ליגען אַקוראַט ווי שפּרה באַקט קאַרטאָפּלעס חאַ, חאַ, חאַ!

ליזאַ: ער האָט דען ניט רעכט, ווענינגסטענס הײַנט וואָלסטו געדאַרפט האַלטען דײַן צונג, עס איז אַזאַ צײַט וואָס מיר דאַרפען ערנסט דענקען וואָס מיר האָבען צו טהון, ווייסטו דען ניט, אַז איידער דו וועסט קריגען אַ שטעלע מיט צוויי טויזענד רובל אַ יאָהר געהאַלט וועט בײַ אונז אַלע די נשמה אַרויס.

זימאַן: אָ ליזאַ, געדענקסטו וויפיעל מאָל איך האָב דיר געזאָגט, לערן! איך און מײַנע קאַמעראַדען האָבען דיר מיט פערגניגען געוואָלט לעקציאָנען געבען, און וואָס וועט יעצט פון דיר זײַן?

ליזאַ: לעקציאָנען! מײַנסט עס איז אַזוי אַנגענעהם אַרײַן־צו גראָבען די נאָז אין די ביכלעך ווען עס שטעהן שענע טעג פאָר, ווען עס גלוסט זיך שפּאַצירען לויפען, אָדער ליגען אויפ'ן דיוואַן און לײַענען אַ שרעקליכען ראָמאַן, נישקשה, דער רוח וועט מיך ניט נעהמען—יאָ, איהר ווייסט, ווען איך זאָל נור ווע'לען חתונה האָבען האָב איך שוין אַ חתן, יאָ יאָ איך מײַן עס גאַנץ ערנסט, לעז וואָס מיר שרײַבט מאָסיע פײַוועל גאָלדשטײַן (רײַכט זימאַנ'ן אַ בריעף).

אלכּסנדר: אַזאַ מין גולם און קריכט אויך חתונה האָבען.

למך: (לאַכט) און איך איהם ליעב, ער איז אַגוטער מענש איך גיעב נור אַקוק אַ מענשען אין די אויגען זעה איך בײַ וועמען אין האַרצען עס איז אַ גוטער מלאך און בײַ וועמען אַ גוטער רוח.

זימאַן: (לעזט) — „פרײַלײַן ליזאַ יעצט ווען עס ווירד אײַך

געוויס ניט אנגענעהם זיין צו פערבלייבען אין אייער פאטערס הויז ערלויב איך מיר נאך איין מאל צו ביטען אייער האנד, דער איינציגער ציעל פון מיין לעבען ווירד זיין נור אייך גליקליך צו מאכען. פייוועל גאלדשטיין.

ליזא: חא חא חא! א שענער נאמען פייוועל און מיך וועט מען רופען פייוועליכע.

זימאן: פייוועל איז אין רוסישען פאוועל, א גאנץ שענער נאמען, לאכען איז ניט דא פון וואס ער איז א אָרדענטליכער ארבייטער און א אינטיליגענטער מענש.

ליזא: א גרויס גליק צו זיין א ארבייטער'ס א ווייב, איך געדענק נור אז ער איז געוועזען ביי אונז א משרת און דער פאטער פלעגט איהם געבען פעטש חא חא חא (למך לאכט אידיאָטיש).

זימאן: דאס איז א שאנדע פאר אונזער פאטער אבער ניט פאר איהם.

ליזא: ער איז ניט קיין שענער און איז געוויס מעהר אלט ווי דרייסיג יאהר.

למך: אז אונזער טאטע האט חתונה פאר וואס זאל ער ניט חתונה האבען.

ליזא: און איך שווער אייך אז ער האט מיך ליעב דערפאר וויל ער מיינט אז איך בין א רייכע כלה.

זימאן: איך וויים אז ער איז א אָרדענטליכער מענש.

ליזא: וואס זאָרגסט איהר זיך פאר מיך? פארגעסט ניט אז איך בין פארט א בת יחידקע ביי מיין פאטער וועלכער איז אנגעשטאפט מיט געלד, און מיט דער נייער מאמאשא וועל איך שוין לערנען בלק, איהר וועט זעהן, א שטיף=מאמע איז א מצוה צו לערנען דרך ארץ דער טאטע וועט איהר האדעווען מיט קאנדעל=צוקער און איך וועל איהר טראקטירען מיט טערקישען פעפער (שפרה דערנאך וולאדימיר).

שפרה: עפעס איינער מיט א רויט מיצעל פרעגט זיך אהער.

ליזא: וואס איז דאס פאר א שלאק? לאזט איהם אריין (למך בעהאלט זיך).

וולאדימיר: (האלב שיכור) אגוטען אבענד מיינע לייבליכע מחותנים! מזל טוב אייך! אייער טאטע קיין עין הרע זאל איהם ניט שא= טען האט שוין חתונה געהאט. ערלויבט מיר זיך פארצושטעלען איך בין דער בעריהמטער וולאדימיר וואראבייטשיק אויף פראסט יודיש פערציהט מען מיך: „וועלוועלע גנב” איך בין א רומענישער טערק און פיהר דא אין אדעסא גאנץ גרויסע, שרעקליך גרויסע געשעפטען. פערשטעהט איהר

מיך. איך בין אייער שטיף=מוטערס, א גליעד שוועסטערקינד, א חוץ דעם בין איך איהר בעסטער גרעסטער ליעבסטער טהייערסטער גוטער פריינד, א איהר דארפט אייך מיט מיר ניט שעמען איך בין א מענש...

שפרה: (שלאגט איהם איבער) אזא יאהר אויף דיין באבען.

וולאדימיר: איך בין א מענש קאטארי! ביי מיר איז אלעם הפקר פעטרושקא און איהר זעהט אט דאס א, (הויבט אויף זיין טשעמאדאן) דאס האב איך אליין געבראכט צוטראגען אויף מיינע פלייצעס, אין גאנצען אייער מאמעס גוטס, איהרע קליידער איהר פערמעגען, איהר הכל בכל כל.

ליזא: און וואס פערלאנגט איהר אונזער גליטשיקער מחותן, הערר וולאדימאר וואראבייטשיק?

למך: חא חא חא! א נאמען האט ער פון א פייגעלע ווארא=בייטשיק און שיכור איז ער ווי א חזיר!

וולאדימיר: איך מיין אז עס איז בעסער צו זיין א פייגעלע און טרינקען ווי א חזיר איידער צו זיין א חזיר און טרינקען ווי א פיי=געלע. פערשטעהט איהר מיך, ביי מיר איז אלעם הפקר פעטרושקא. אלזא הערט אויס. מיין מחותן און אייער טאטע ר' שמואל האט מיך געשיקט פאר א קוריער איך זאל אייך מתרה ומודיע זיין: ערשטענס איהר זאלט אייך אלע אנטהון שבת'דיג, יום=טוב'דיג, ווארום ער קומט באלד אהער מיט זיין יונגער מאדאמעשו. פערשטעהט איהר מיך מיר האבען דארט געמאכט אקנאק און ר' שמואל פיהלט זיך גאנץ גוט אויפ'ן הארצען, איהר וועט אנקוקען אווייבעלע... צווייטענס האט ער געהייסען איהר זאלט אייער ניט געראטענעם זוהן... ווער איז דא דער ניט געראטענער זוהן?...

למך: איך בין דער ניט געראטענער.

וולאדימיר: זאלט איהר איהם אויסצוואגען און אנטהון דעם נייעם זשאקעט. דריטענס האט ער געזאגט אז די מומע העניע... פעניע... שפ... יא שפרה, די מומע שפרה זאל צוהאקען אצעהנדליג הערינג. און מכח משקה וועל איך שוין בעזארגען.

שפרה: הערינג וועל איך מיך באלד שטעלען האקען? איך זאג אייך אז גיבער זועלען אלע אייערע מחותנים ליגען אין געהאקטע וואונדען.

וולאדימיר: ווסיא דאוונא, האקט הערינג, האקט די מחותנים, האקט געהאקטע וואונדען, ביי מיר איז אלעם הפקר פעטרושקא, קורץ. איך געה קריגען גוטען יין שרף און אייער מאדאם גוטס לאז איך דא איבער, זעהט עס זאל חלילה גאר ניט פעהלען; דא ליגען איהרע 4 כתובות, צוויי גטין און איין פיינער קאלנער. אלזא צום ווידערשפעניגען

פראָשצאַיטע! מומע שפרה, האַקט הערינג האַקט מחותנים, הפקר פעטרושקאַ (אָב).

ליזא: נאָ שפרה, ווי געפעלט אייך אונזער נייער פראַנטעל הער וולאַדימאר וואָראָבייטשיק אָדער אויף פּראָסט יודיש וועלוועלע גנב? מיר געפעלט זעהר אַזא מחותן.

שפרה: (הויבט אויף דעם טשעמאָדאַן) ווי געפעלט אייך בעסער אונזער נייער מאַדאַם'ס גאַרדעראָבע. פון דעסטוועגען דאַרף מען זיך אַנגרייטען... און דו ליזאַ טהו זיך אָן — אוי ווענה מיר, מען דאַרף לויפען אין קיך אַריין, דער נייער מחותן זאָל עפּעס דאָרט ניט צו לאַדחענען. (אָב)

ליזא: באַלד וועל איך מיר אָנטהון צוליעב דער נייער מאַמעשיו, איך זאָג אייך עס איז הפקר פעטרושקא ווי אונזער גליטשיגער מחותן זאָגט.

זימאָן: איך ראַטה דיר ליזא, דו זאָלסט בעסער אַוועקגעהן דו וועסט גאָר ניט אָנווערען ווען דו וועסט דיך שפּעטער בעקאָנען מיט אונזער נייע מאַמעשיו.

ליזא: וואָס? איך זאָל פאַר איהר אַנטלויפען? ניט דערהאַרען זאָל זי. דיך למך וועל איך יאָ אָנטהון, מען זאָל פון דיר ניט לאַכען.

אַלכסנדר: אַז מיר וועלען זיך אַלע האַלטען איין האַנד, וועט זי ניט וואַגען אַפילו אפּיפּס צו טהון, נור דער טאַטע וועט וויסען אַז ער האָט אַ ווייב מיר וועלען איהר אַפילו ניט בעמערקען. איהר וועט זעהן פערלאָזט אייך נור אויף מיר ווי איך בין אַ יודיש קינד.

זימאָן: (אויסטהועגדיג זיין אוניפאָרם, טהוט אָן אקורץ רעקעל למך העלפט איהם) וואָס דאַרפען מיר זיך שוין זאָרגען, אָפשר איז דער טייוועל גאָר ניט אַזוי שרעקליך ווי מען מאָלט איהם (לעגט זיך אויפ'ן דיוואַן. זימאָן, אַלכסנדר זינגען אַ דועט, למך בעשפייט זימאָנס אוניפאָרם און פוצט איהם, ליזאַ ברענגט אַריין פון צווייטען צימער אַ שוואַרצען ראָק, זשילעט, האַלז=טוך ציהט אָן למך'ן).

למך: זינגט נאָך, נאָך, אַז מען זינגט פערגעס איך אַז איך בין ניט אַזאַ מענש ווי אַלע יודען איך פערגעס אינ'ם טאַטענס קאַנטשיג, און שפרה'ס פעטש און איך מיין אַז איך בין אַזאַ אידיאָט ווי אַלע מענשען. ווייסט שמעון, ביי נאַכט חלומט זיך מיר אַז מלאָכים זינגען און איך פליה אין דער לופטען ווי אַ פויגעל (קוקט אויף זיך) ווען איך זאָל אָבער תמיד געהן אַזוי אָנגעטהון וואָלטען די יונגלעך און די שקצים מיר ניט נאָך געלאָפען און געוואָרפען מיט שטיינער (מען הערט בעזאַנג) אוי, איך הער מען געהט, אַזוי פיעל מענשען (אויפטריט שפרה).

שפרה: (קוקט אין טהיר) וועה איז מיר אַגאַנצע מחנה שבורים און דאָס יונגע פאַר פאָלק — קאַרג בזיונות, זיי דאַרפען נאָך געהן,

איבער דער גאס מיט געזאנג (אויפטריט וולאדימיר, שמואל, זעלדע באר זינגענדיג).

וולאדימיר: מזל טוב! מזל טוב! דערלאנגט די גילדענע יויך און די געהאקטע הערינג.

שמואל: מזל טוב אייך קינדער! איך קען אייך פארשטעלען מיינע יונגע פרוי — זעלדעטשקע, דאס זענען מיינע קינדער, דאס איז מיין געבאלעווטע בת יחידקע, דאס איז מיין גימנאזיסט, איהר זאלט הערען ווי ער לעזט לאטיין גאר ווי וואסער.

וולאדימיר: לאטיין איז זעהר אגרינגע שפראך, מען דארף נאר צו יעדען ווארט צושטיקעווען א „נוס". איהר ווילט צום ביישפיל זאגען: „אנאר חאטש אין כוימען אשפאר" קומט אויס אין לאטיין: „נארוס קוימענוס שפארוס" (למך לאכט אידיאטיש).

שמואל: נא זעצט אייך מיינע טהייערע געסט (ברענגט אריין שטיהל, צו די קינדער) וואס איז מיט אייך? איהר זעהט ניט אז מענשען זענען געקומען, איהר הערט ניט וואס איך רעד צו אייך? איהר פערשטעהט ניט אז ביי אייער פאטער איז היינט אפרעהליכער און אגליקליכער טאג? (וולאדימיר טיילט בראנפען דעם עולם).

ליזא: ביי דיר איז היינט אפרעהליכער טאג און ביי אונז אטרויעריגער, מיר האבען היינט אלע יאהרצייט נאך אונזער מאמען.

שמואל: שטיל! וואו איז דיין שכל? וואס האסטו זיך דער־מאנט גראד אין דער מינוט.

זעלדע: וואס דארפט איהר זיך יעצט ערגערן — איהר וועט זעהן מיר וועלען לעבען ווי 2 לייבליכע שוועסטער, איך האב אשטי־לען, עדעלען און גאלדענער חאראקטער, קריגען זיך האב איך פיינד, איך שטארב.

וולאדימיר: געוויס פון איהר גילדענעם חאראקטער קען מען אפילו ניט מאכען אגילדענעם קרוין צו דער תורה, ווסיא טאקי האט זי אחאראקטער! . . (למך לאכט).

שפרה: ווי אזוי נעהמט דאס טאקי איוד פון 60 יאהר און האט חתונה אין מיטען דרינען. מען קומט נאך אהיים מיט שיכור'ע לצים, אז ער שעמט זיך ניט פאר זיינע קינדער וואלט ער חאטש געדארפט זיך שעמען פאר די שכנים.

שמואל: וואס דארפט איהר דא, ארייין אין קיך אריין וואס איז היינט ביי מיר אין הויז? גיעט אהער בראנפען, פערבייסען (שפרה אב).

וולאדימיר: משקה איז דא און פערבייסען האט מען אונז געהייסען מיט א פזר פון הפטורה.

שמואל: וואס? מען הערט מיך ניט? מען וויל מיר פארשטערען מיין שמחה, מען פארגינט ניט דעם טאטען, נאט אייך געלד ברענגט אצעהנדליג, 2 צעהנדליגג הערינג, ברענגט נאך (גיעט וולאדימיר'ן געלד ער שיקט איינעם אב) איך זאל מיך שעמען? פאר וועמען פאר מיינע קינדער וועלכע דענקען פון מיר פטור צו ווערען כדי זיי זאלען קענען ירשה'נען מיין פארמעגען, איך זאל מיך שעמען דער פאר וואס איך וויל זיין א יוד ווי אלע יודען און לעבען מיט מיין ווייב ווי גאט האט געבאטען, איך זאל מיך שעמען פאר מיינע שכנים די בערקוטען וואס איך קען 20 מאהל קויפען און פערקויפען מיט אלע זייערע פעטרינעם? ביי מיר איז היינט יו"ט, יו"ט איז היינט ביי מיר! אויפ'ן טיש די זילבערנע לייכטער די זילבערנע טעלער! (נעהמט ארויס פון קאסא זילבערנע לייכטער בעכער, טאץ שטעלט אויפ'ן טיש) יום טוב איז היינט ביי שמואל לייבליך, וואס איז, אז מען האט קינדער דארף מען שוין גאר ניט לעבען אויף דער וועלט געהט אין · אייער צימער ארײן פארשטערט מיר ניט מיין שמחה מיט אייערע זויערע פנים'ער.

ליזא: איך וויל ניט און קען ניט שטערען דיין שמחה, זיי לוסטיג פריי זיך מיט דיין גליק וואס דו האסט געפונען, אבער מיין ניט אז דו קענסט אונז צווינגען צו פערגעסען די וועלכע האט אונז געבארען און ערצויגען, וועלכע דו האסט אזוי גראב בעהאנדעלט ווי איהרע קינדער און וועלכע איז דורך דיר פאר דער צייט פון דער וועלט געגאנגען, קיין מאכט אין דער וועלט איז אימשטאנדע הערויס צורייסען די ליעבע וועלכע קינדער טראגען אין זייערע הערצער צו זייער מוטער. א ווייב קען מען גיך פערגעסען אבער א מוטער פארגעסט מען נימעמאלס, נימעמאלס. (אב)

זימאן: קינדער זענען ניט פעראנטווארטליך פאר דאס וואס זייערע עלטערן טהון, אבער עלטערן זענען פעראנטווארטליך פאר דאס וואס זייערע קינדער זענען געצוואונגען צו טהון. פאר גאט און פאר לייטען וועט איהר אויף אלס מוזען אנטווארט געבען וואס פון דעם בענעהמען אייערען וועט ברענגען אייערע קינדער צו טהון (וויינענד אב)

שמואל: זעהר שען נו רעדט אלע. (צו אלכסנדר) וואס פאר א דרשה געשאנק האסט דו צו געגרייט דעם טאטען? רעד, היינט איז אייער צייט, היינט האט איהר א גוט געלעגענהייט דעם טאטען צו ערנידעריגען, רעדט! איך וועל אייך לערנען שווייגען אנ'אנדערמאל.

אלכסנדר: ווער, איך? וואס זאל איך רעדען? איך שווייג, וואס הארט עס מיך וואס דער טאטע האט חתונה געהאט אז איך וועל זיין א טאטע וועל איך אויך טהון וואס איך וועל ווען.

זעלדע: איך זעה איהר זייט אנ'ארענטליך קינד, אט האט איהר מיין האנד אז איך וועל אייך ליעב האבען ווי אײן אייגענעם זוהן.

וולאדימיר: יונגערמאַן! אָט דאָ האסטו מײַנע בײדע הענד אַז איך מיט דיר װעלען לעבען װי אַנדערע צװײ, קום אהער ברודער קנאַק ארײַן. (טרינקען)

זעלדע: נו, און דער איז אײַער נארעלע נעבעך? איהר װײסט, ער װאָלט געװען א שענער מאַן ער זאָל ניט האָבען דעם אומגליק אויף זיך. — װי רופט מען דיך? נעבעך.

למך: איך בין ניט קײן נעבעך און װי מען רופט מיך איז ניט אײַער עסק.

שמואל: שטיל דו אידיאָט! װײס אַז דאָס איז דײַן מאַמע און אַז דו װעסט איהר ניט אפגעבען כבוד װי מען דארף װעל איך דיר לערנען... דו װײסט װי אזוי איך לערן דיך.

למך: זי קען אזוי זײַן אַ מאַמע װי איך קען זײַן אַטאַטע (זעלדע לאַכט).

שמואל: דו אידיאָט װעסט נאָך אַ סך רײדען?! װאו איז דער קאַנטשיק (װיל איהם שלאָגען).

זעלדע: אוי לאָזט איהם צורוה מיט איהם װעל איך געװיס זײַן גוט פרײַנד. קום אַהער למך, זעץ דיך בײַם טיש (זעצען זיך).

שמואל: טרינקט יודען לחיים, לחיים!

וולאדימיר: לחיים מחותן, גאָט זאָל העלפען איהר זאָלט דער־לעבען מיט אײַער אַלטעטשקע אַזוי פיעל שבטים װי פיעל אונזער פאָטער יעקב האָט געהאַט מיט זײַנע 4 אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה (טרינקט).

שמואל: נו זעלדעטשקע נעהם אויך אַביסעל (טראָגט צו אַגלע־זעל בראָנפען).

זעלדע: יאָ, יאָ, גיעט למך'ן אויך אַביסעל (רוקט איהם צו איהר גלעזעל) אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ שטיקעל לעקעך (גיעט איהם).

למך: אוי, אוי, נעהמט אַראָב די האַנד, איך בעט אײַך נעהמט אַראָב די האַנד.

שמואל: נעהם, נעהם למך הײַנט מעגסטו אויך טרינקען. נו יודען טרינקט, זײט פרעהליך לאָזען אַלע שכנים הערען װי מען הוליעט בײַ שמואל לײַבליך לאָז די גאַנצע װעלט װיסען אַז שמואל לײַבליך האָט מיט מזל חתונה געהאַט.

וולאדימיר: יאָ, זינגט און לאָז די גאַנצע װעלט װיסען אַז בײַ אונז הפקר פעטרושקאַ.

זעלדע: װעסט מיך ליעב האָבען למך?

למך: אוי, אוי, טשעפעט מיך ניט איך האָב מורא פאַר אײַך.

שמואל: װאָס מײנט איהר לײַבליך קען ניט בעצאָהלען מען זאָל איהם ברענגען אַהער טאַקע אָמתע כלי זמר און מען זאָל שפיעלען

אַ יודישע חתונה מיט אַ שלייער ווארים, אַ וויוואַט אַ כשר-טענציל אויס-געזונגן, מיט אַרומפעל. לייבליך מעג זיך פערגינען. איהר ווייסט וויפיעל לייבליך פערמאָגט? לייבליך האָט דאָ אין דער אַלטער קאַסע פערבונדען אין אַ ווייבערישען זאַק... (אַלע שטעלען אוים די אויערען) עה אַזוי גיך מיינט איהר וועל איך מגלה זיין דעם סוד וועלכען ניט מיין ערשטע פרוי ניט מיינע קינדער, ניט קיינער אין דער וועלט האָט עס געוואוסט, אָה איך בין נאָך ניט אַזוי שיכור איך זאָל עס אייך זאָגען, אָבער עס איז דאָ מיט וואָס צו בעצאָהלען, כלי זמר ברענגט אַהער יודישע כלי זמר ברענגט אַגאַנצען עמער בעסאַראַביער וויין (גיעט געלט) מיין זעלדעטשקע האָט די ווערטה איך זאָל אויף איהר פערשיכור'ן אַ גאַנץ צעהנערל.

זעלדע: (צו למך) וואָס האָסטו מורא פאַר מיר נאַרעלע (לעגט אַרויף איהרע הענד אויף זיין פנים).

למך: אוי, אוי, נעהמט אַראָפּ די האַנד, איהר ריהרט מיך אָן הייבט מיך אָן אין האַלז צו קיצלען, צו וואַרגען, צו שטיקען. לאָזט מיך, איך וועל געהען פרעגען ביי מיין ברודער שמעון (זי וויל איהם צוריק-האַלטען) ניין לאָזט מיך שמעון, שמעון. (אַב)

שמואל: ווייס איך, לאָז איהם געהן. קום בעסער אַהער עפּעס טרינקען (אויפטריט כלי זמר).

וולאַדימיר: אַ מזל טוב, דער וויין און די כלי-זמר זענען געקומען.

פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אקט.

דאָס זעלבע צימער ווי אין ערשטען אקט אויפ'ן שאַנק
2 שאַכטלען מיט היט. שפרה.

שפרה: (רעדט אַריין אין טהיר לינקס) עס געפעלט אייך ניט איז מיר אַנ'עק פון די חאַליעוועס, איהר קענט מאַכען בעסערע פיראָזש-קעס, נעהמט מען און מען געהט אין קיך אַריין און מען פערקאַטשעט די אַרבעל... פשש... אַבריה... אַז איך בין געוועזן יונגער בין איך אויך געוועזן אַבריה פרעגט אייער מאַן ער האָט מיך געקענט ווען איך בין געוועזן אַביסעל יונגער — אַגאַנצע מאַדאַם געוואָרען, שלים מזל. אין דער היים האָט זי געשמייכעלט צו אַשטיקעל בולקע און דאָ גיעב איהר נור בלינצעס מיט הויזענבלאָזען (ליזאַ, זעלדע קריעגען זיך הינטער די קוליסען).

ליזאַ: (אַריינקומענדיג) חאַ חאַ חאַ, אַקלייניגקייט שרעק נור ניט איבער די גענז.

זעלדע: און ווען אַפילו דו ווערסט צוריסען ווערען לאַ־ענדיג

וועט עס אויך מיך ניט אַרען איך בין ביי'ם טאַטען טהייערער ווי דו !

ליזא : אַזוי ? און איך מיין אַז מיר זענען ביי איהם איין פריי אַפּאָר פאַר אַ פּיאַטאַק .

זעלדע : אַזוי , נו זעה זשע וואָס פאַר אַהוט ער האָט מיר געקויפט (נעהמט אַרויס פון שאַכטלען היט) .

ליזא : אָט די חסידישע יאַרמעלקע פאַר מיר , און דער שיינער הוט איז פאַר אייך . . . יאָ געווים , איהר זענט דאָך אַנדערש ניט געוואָהנט געוואָרען ביי אייער טאַטען .

זעלדע : און דו ביסט ביי דיין טאַטען יאָ געוואָהנט געוואָרען און וועסט פאָרט מוזען טראָגען אָט די יאַרמעלקע .

ליזא : פאַר אַנ'אַלטע יודענע פּאַסט טאַקי ! אַ העלע הוט מיט רויטע בלומען .

זעלדע : איך בין אַזוי אַלט ווי דו , איך בין אַלט 24 יאָהר .

ליזא : הערט שפרה (זי און שפרה לאַכען ביידע שטאַרק) אַזוי פיעל מכות מיינע שונאים וויפיעל מעהר איהר זענט אַלט פון 30 יאָהר .

זעלדע : פאַר יעדעם יאָהר וואָס איך בין מעהר אַלט פון 30 יאָהר זאָל איך האָבען ...

ליזא : אָמן רבונו של עולם ! שפרה, קומט אַהער איך שענק אייך מיין הוט (לעגט אויף איהר קאָפּ) .

שפרה : (לאַכט) וואָס דען ? איך וועל אָנטהון אַ שליאַפּע וועל איך ווערען אַ פּאַרשוין און וועל נעהמען אַ יונגען מאַן .

ליזא : קומט מאַדאַם שפרה, אויפ'ן בולוואַר שפּאַצירען , אפשר וועלען מיר דאָרט בעגעגענען אונזער גליד געשוועסטער קינד הער וולאַדימיר וואָראַבייטשיק , איך זאָג אייך מאַדאַם אַז מיר וועלען איהם בעגעגענען וועט זיין הפקר פּעטרושקא , חאַ חאַ חאַ (געאַרמט מיט שפרה אַב) .

זעלדע : אַי וואו נעהם איך איהם יעצט , איך וואָלט איהם צעריסען ווי אַ הערינג — אַ ער געהט (זעצט זיך אויפ'ן דיוואַן וויינט , אויפטריט שמואל מיט אַ רויט טיכעל מיט פייגען און קישמיש) .

שמואל : קעצעלע ביסט אַליין דאָ ? איך האָב דאָ געקויפט פייגען און קישמיש , וואָס וויינסטו ?

זעלדע : וואָס איך וויין ? מען דאַרף זיין אַ אייזערנער מען זאָל פון אייך קענען אויסהאַלטען . די קעכין האָט מיר ערשט געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלייך און די בת יחידקע האָט מיך מכבד געווען מיט מכות מיט שלעק . וואָס ווילט איהר פון מיין לעבען . וואָס האָט איהר זיך אַלע גענומען אויף מיין לעבען ?

שמואל : נאָ שאַ שאַ וויין ניט מיין קעצעלע , איך וועל מיך שוין מיט זיי אָברעכענען , האָב דו נאָר מיך ליעב און דאַן דאַרף איך זיי אַלע אויף כפרות — נאָ קעצעלע פאָדער פון מיר וואָס דו ווילסט , פאַר

דיר און נור פֿאַר דיר איז אָפֿען מײַן קאַסאַ גראַדע ווי מײַן האַרץ.

זעלדע: יאָ אָפֿען, איך ווייס נאָך אפילו ניט וויפֿיעל מײַן מאַן פֿערמאָגט.

שמואל: ווילסט ויסען? פֿאַר דיר האָב איך קיינע סודות אָט וועל איך דיר ווײַזען (נעהמט אַרויס פֿון קאַסאַ איינגעוויקעלט אין אַ העמד אַ שקאַטולקע אויך אַ אָנגעשטאָפּטען זאַק) זעהסטו אָט דאָס איז ביז איצט געוועזען מײַן פֿאַרמעגען, מײַן גליק. 40 יאָהר האָב איך עס געזאַמעלט גראָשען־ווײַז, הײַנט ביסטו מײַן גליק, מײַן נחת, דו ביסט בײַ מיר טהײַערער פֿון די אַלע טויזענדער וואָס ליגען דאָ, אוי קעצעלע דו ווייסט גאָר ניט ווי איך האָב דיך ליעב.

זעלדע: (ציינט אויף די שקאַטולקע) און וואָס איז דאָס?

שמואל: דאָס איז מײַן ערשטע ווײַבס צירונג.

זעלדע: נאָ וואָס זשע דאַרף זיך עס וואַלגערן, שענק עס מיר.

שמואל: דו ביסט דאָך אַ קלוגעטשקע, פֿערשטעהסט דאָך אַז עס פּאַסט ניט. איך וויל דיר בעסער קויפֿען בעסערס אַנדערס.

זעלדע: יאָ עס פּאַסט ניט, איך פֿערשטעה שוין וואָס פֿאַר אַ מײנונג איהר האָט וועגען מיר, איך ווייס גאָר ניט פֿאַר וואָס זאָל איך אײַך ליעב האָבען. (וויינט)

שמואל: נאָ שאַ, שאַ. וויין ניט קעצעלע. נאַ טראָג עס געזונדערהייט, אָט האָסטו אַ קייט — אַ בראָש, פֿינגערלעך.

זעלדע: (טהוט עס אָן) אוי ווי שען! אַלע ווײַבער וועלען אַרויס קריכען די אויגען אויף מיר קוקענדיג — אוי מײַן טהײַערער מאַן, מײַן גוטיטשקער מאַנדעלע.

שמואל: נאָ קעצעלע ביסטו צופֿרידען (גיט איהר די פֿייגען) נאַ נעהם עס און קוש מיר (זיי עסען).

זעלדע: וואָס איז דאָס פֿײַגען? ! נאָ נאַ דיר אַ פֿײַגעלע אונטערן נעזעלע.

שמואל: אוי דו שטיפֿערין (קושט איהר) אַז דו וואָלסט געווען אַגוטעטשקע וואָלסטו מיר געזונגען דאָס ליעדעלע וואָס דו פֿלעגסט מיר זינגען ווען איך האָב מיך צו דיר געשדכנ׳ט, אוי דאָס ליעדעל פֿלעגט מיך משוגע מאַכען.

זעלדע: און אַז איך וועל זינגען וועט מײַן מאַנדעלע געהן מיט מיר אין די מאַגאַזינעס?

שמואל: יאָ, וואָס דו וועסט וועלען וועל איך דיר אַלסדינג קויפֿען נור האָב מיך ליעב.

זעלדע: אויב אַזוי זינג איך שוין

I.

אַ דו שענער יונגער מאַן
קום צו מיר אין סאָד אַריין
דאָרט וועל איך דיר עפּעס זאָגען
וואָס עס וועט דיין שמערץ פערטראָגען .
האָפּ מיינע שיכעלעך , האָפּ מיינע קליינע
האָפּ מיינע פּיסעלעך , האָפּ אָט די שענע (אויפטריט למך) .

II.

צו מיין האַרץ וועל איך דיר דריקען
אין מיינען אָרם דיך ערשטיקען
און מיר בלייבען דאָרט אַליין
ביז די זון וועט אַרויס געהן
האָפּ מיינע שיכעלעך א. ז. וו. (טאַנצט)

למך : (ציהט זיך אויס אין גאַנצען אויף דער ערד) נאָך , טאַנץ נאָך , טאַטע זאָג איהר זי זאָל טאַנצען נאָך , איך וויל נאָך . (שמואל מיט זעלדען ערשרעקען , שפּרינגען אויף פון זייערע פלעצער) .

שמואל : דער אידיאָט איז די לעצטע צייט גאָר משוגע געוואָרען , עס געהט ניט אַוועק אַטאָג ער זאָל מיך ניט איבערשרעקען , ווי איך וויל נאָר מיט דיר אַביסעל פערברענגען איז ער שוין דאָ . אין קיך אַריין דו אידיאָט ! איך האָב דיר טויזענד מאָל געזאָגט זאָלסט זיצען אין קיך (וויל איהם שמייסען) .

זעלדע : ניין , ניין , שלאָגט איהם ניט (גלעט איהם) געה למך אין קיך . . .

למך : אוי , אוי . . . טשעפּעט מיך ניט ריהרט מיך ניט אָן , אַז איהר ריהרט מיך אָן ווערט מיר הייס און קאַלט , די אויגען ווערען פינסטער און דער קאָפּ טהוט מיר וועה . . .

שמואל : דו מיינסט ער ווייס וואָס ער רעדט , דאָס האָבען זיי איהם אויסגעלערנט ער זאָל דיך האַסען .

למך : אָט דאָ האָט זי געטאַנצט , אַזוי ווי אַרוח , א שד אַזוי ווי דער יצר הרע טאַנצט .

שמואל : וועסטו ניט אויפהערען צו פלאַפּלען (זי לאָזט איהם ניט שלאָגען) .

למך : אין חלום קומט זי צו מיר אַלע נאַכט , זי שרעקט מיך זי שטיקט מיך , זי צינדעט מיך אָן און איך ברען , זי וואַרפט מיך אַריין אין אַטייך וואָס עס פלאַקערט און פלאַמט ווי אַ אָנגעצונדענער ים מיט קעראָסין .

שמואל : (נעהמט דעם קאַנטשיק שמייסט איהם) מען טאָר ניט פלאַפלען , מען טאָר ניט . . . (אויפטריט וולאַדימיר) .

וולאַדימיר: בראַוואָ בראַוואָ! אַז מען שמײַסט ניט פֿאַהרט מען ניט.— מחותן, האָט אײַך אַשײַנעם און אַברײַטען גוט מאָרגען! מאַ־דאַם, מאָיע פּאָטשטעניע! למך, דיר האָב איך געבראַכט קאַרטינקעס, נאַ שפּיעל דיך (וואַרפֿט איהם צו קאָרטען) מחותן זײַט וויסען אַז איך בין געקומען איבערנעהמען די שטעלע וואָס איהר האָט פֿאַר מיר.

שמואל: שפּעטער, שפּעטער, איך דאַרף מיך נאָך מיישב זײַן.

זעלדע: האָסט דאָך אַלײן געזאָגט, אַז אויף אלכסנדר׳ן קען מען זיך ניט פֿערלאָזען... אָ, איך ווײס שוין ווײַל ער איז מײַנעם אַפּרײַנ־ט׳ל ווילסטו ניט!

שמואל: איז ער טאַקי דײַנ׳ס אַפּרײַנטי׳ל? — עפּעס מיר גלויבט זיך עס ניט.

וולאַדימיר: וואָס רעדט איהר מחותן? ווער ווײַסט דאָס ניט אַז מײַן באָבע עליה השלום און איהר זײדע ליגען אין דער ערד בײדע, און אויסער דעם פֿאַרגעסט ניט אַז איך שטעה בײַ דער וואָג, מוז פֿון 50 פּוד תּבואה ווערען 40, דעם מושיק זאָללען אפילו אַרויס די אויגען קוקענדיג, איך בין אַמענש קאַטאָרי בײַ מיר איז הפקר פּעטרושקאָ.

שמואל: גוט, גוט, מיר וועלען זיך איבערלעגען, מיר וועלען זעהן.

זעלדע: יאָ, שטענדיג ווילט איהר נור אַז דער אַנדערער זאָל אײַך צו ליעב טהון, איהר וועט אָבער קײנמאָהל ניט צו ליעב טהון וואָס מען בעט פֿון אײַך, אוי ס׳איז מיר שלעכט.

שמואל: וועה מיר זעלדעטשקע וואָס איז דיר?!

זעלדע: וואַסער, וואַסער!

שמואל: אָט געה איך שוין ברענגען וואַסער (אָב).

וולאַדימיר: חאַ חאַ חאַ, דער אַלטער היהנער־פֿרעסער, איז גוט פֿערליאָפּעט אין דיר (נעמט זי אַרום בײדע לאַכען),

למך: דו דו, טשעפּע ניט מײַן טאַטענס מאַמע.

וולאַדימיר: שטיל דו אידיאָט, וואָס ביסטו אַ הונד פֿאַר דײַן טאַטען.

למך: און איך וועל דיך דערווערגען. איך דיך... (פּאַקט איהם בײם האַלז).

וולאַדימיר, זעלדע: לאָז אָב משוגענער, לאָז... (זעלדע ערבליקט שמואל, פֿאַלט צוריק, אויפּטריט שמואל מיט וואַסער).

שמואל: וואָס איז דאָ? למך, לאָזט אָב וולאַדימיר׳ן.

וולאַדימיר: נײן גאָר ניט מיר האָבען זי קוים אָבגעמינטערט זי איז געווען געפֿעהרליך. — וואַרט אידיאָט איך וועל דיר געבען.

למך: איך האָב פֿאַר דיר קײן מורא ניט, איך וועל דיך דערווערגען.

שמואל: נאָ, ווי פֿיהלסטו זיך קעצעלע, איז דיר בעסער?

פון יעדע נארישקייט זיך אזוי נעהמען צום הארצען, נארעלע, לאז דיין פריינט׳ל זיין ביי אונז אמאנאט וועלען מיר זעהן, אפשר פארקעהרט אונטער זיין השגחה וועט פון אלכסנדר׳ן אויך ווערען אשטיקעל מענש. (צו וולאדימיר ברענגט אהער אייערע זאכען און קליידער).

וולאדימיר: מיינע זאכען זענען שוין דא (ברענגט אריין עטליכע שטעקענס, עטליכע קאלנער, האלז-טיכלעך אנגעהאנגען אויף אשטעקען, א הינטעל אויף אשטריקעל).

למך: אוי אזוי פיעל שטעקענס מיט א הונד, ער מוז זיין א הונדשלעגער חא חא. (אויפטריט זימאן)

זעלדע: און וואו וועט זיין וולאדימירס צימער.

זימאן: דער הער וואראבייטשיק קען פארנעהמען מיין צימער, איך געה זא ווי זא אוועק פון דאנען.

למך: און מיך שמעון לאזטו דא איבער אליין (גלעט איהם, וויינט).

זעלדע: שמואל, לאז איהם ניט מען וועט זאגען די שטיף-מאמע האט צו-טריבען אלע קינדער.

זימאן: איך וואלט שוין לאנג אין דעם הויז ניט געבליבען, איך האב אבער ניט געקענט מיין אונגליקליכען ברודער פערלאזען. איך בין זיין אייניציגער פריינד אונד שוץ... אבער עס גיעבט אומשטענדע וועלכע יאגען מיך פארט פון דאנען, איך וועל גיך געפינען פאר זיך אורטאקען, וועל זיך קענען לעבען זעלבסטשטענדיג אונד אויך דיך מיין ברודער צו זיך נעהמען.

זעלדע: טהוט עס ניט, איהר זענט נאך איונג קינד, צו אייך האב איך גאר ניט.

זימאן: אזוי, איהר האט צו מיר גאר ניט, דאנקע.

שמואל: וואס בעטסטו איהם? לאז ער געהן! אין זיינע יאהרען האב איך געשלעפט משא אויף מיינע פלייצעס, געפיהרט א טאטשקע. לאז ער געהן און אז עס וועט איהם שלעכט ווערען, וועט ער קומען צום טאטען און בעטען.

זימאן: איך וועל ניט קומען. איך וועל ניט בעטען. — אייך מאדאם בעט איך מען זאגט פרויען האבען גוטע הערצער, פלאגט ניט מיין ארימען אונגליקליכען ברודער. יעדער פון אונז קען שטעהן פאר זיך ער אבער איז איין שוואך, אונשולדיג, אונוויסענד שעפעלע און ווען איהר וועט איהם שלעכט בעהאנדלען וועט אייך גאט שטראפען.

שמואל: ווייס איך נא ס׳איז דא וואס צו הערען, קום זעל-דעטשקע, קומט מחותן מיר וועלען ווייזען אייער צימער — זיי זענען אלע משוגע אלע ווילדע מענשען, געהט שטערט ניט מיין לעבען, געהט! (ער, זעלדע, וואראבייטשיק מיט׳ן הונד אב).

למך: שמעון, דו האָסט מיך נור געוואָלט איבערשרעקען האָסטו געזאָגט אַז דו פאָהרסט אַוועק?

זימאָן: ניין מיין ברודער, איך פאָהר ניט איך בלייב דאָ אין אַדעסאַ, איך וועל קומען אָפט דיך זעהן און וועל זעהן וואָס גיכער דיך אַוועק צו נעהמען פון דיזען שענדליכען אונד שמוציגען הויז.

למך: און מיט וועמען וועל איך דאָ בלייבען? ווער וועט אויף מיר רחמנות האבען? שמעון, איך האָב מורא אָהן דיר וועל איך גאָר אין גאַנצען אַראָב פונ׳ם זינען. איך וועל משוגע ווערען.

זימאָן: פאַר דיר וועט זיין בעסער וואָס גיכער איך וועל מיך שטעלען אויף די פיס און וועל אייך קענען צו נעהמען פון דאַנען ניט נור דו, איך, אונזער שוועסטער ליזאַ זענען אונגליקליך — נון איך מוז געהן זיי געזונד.

למך: זייַ דו געזונד צו וואָס דאַרף איך געזונד זיין, פאַר מיר און פאַר אייך וואָלט בעסער געוועזען אַז איך זאָל שטאַרבען. (זימאָן אָב) אַ סאַך מאָל ווייזט זיך מיר אויס אַז איך קען ווערען קליגער פון אַלע. ווער וויל איך זאָל לעבען? גאָט? נאָך וואָס? מען זאָל מיך טרעטען, פלאָגען, שמייסען און איך וויל ניט (אויפטריט וולאדימיר).

וולאדימיר: עה, דאָס איז אַ טשאָרט ניט קיין מיידעל, נו מיר וועלען זעהן ווי אונזערע געשעפטען וועלען דאָ געהן, צו ערשט אָבער דאַרף מען געבען אַ לעקציאָן דעם אידיאָט (שלאָגט איהם) ביסט אַליין למך?

למך: געה אין דער ערד אַריין, דו!

וולאדימיר: אין דער ערד אַריין געהן וויל איך ניט, און ליעב האָבען מוזטו מיך, האָסטו מיך ליעב, למך?

למך: ביי דיר אין די אויגען טאַנצען אַרום צוויי קליינע רוחות׳לעך.

וולאדימיר: דו מוזט מיך ליעב האָבען און אָבגעבען כבוד (שמייסט איהם).

למך: ניט, שלאָג מיך ניט, אפשר וועל איך דיר שפּעטער ליעב האָבען, איצט קען איך ניט.

וולאדימיר: און זאָלסט זיך מיר ניט אַריין־מישען ווען איך וועל מיט דער מאַמען אַביסעל פערברענגען, הערסט?

למך: מיט דער מאַמע? זי איז דען דיין מאַמע?

וולאדימיר: הערסט אַ חכם, געוויס איז זי מיר אַמאַמע, אַמאַ־מע מוז מען ליעב האָבען און פאָלגען.

למך: איך האָב מיין מאַמע אויך ליעב, געהאַט און דעם טאַטען

פֿאָלג איך, אָבער דײַן מאַמע קען איך ניט ליעב האָבען זי מאַכט מיך קראַנק .

וולאדמיר : אַזוי האָב איך דיך ליעב, קום אַהער (שלעפּט איהם צום טהיר) זעהסט דאָרט די גרויסע שטוב דאָס איז אַ טראַקטיר , געה אַהין נאַ דיר געלד און זאָג מען זאָל דיר געבען אַ פֿלאַש אָדער צווי פֿלעשער בראַנפֿען .

למך : איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען איך האָב מורא מען וועט מיך שלאָגען .

וולאדימיר : געה, געה, האָב קיין מורא ניט.

למך : שמעון וועט זיך בייזערען.

וולאדימיר : געה זאָג איך, אַז איך הייס געהן געהט מען !

למך : ווי פֿיעל קאָפּיקעס ? פֿאַר'ן גאַנצען געלד און גאַנצען בראָנפֿען .

וולאדימיר : (קרימט זיך נאָך) אין גאַנצען... געה שוין צום טייוועל (שטופּט איהם אַרויס) מיין כּלל איז פֿריהער פֿון אַלעם צו נעהמען אַביסעל בראַנפֿען. בראַנפֿען צו=וויגט די געדאַנקען ערוועקט דעם קאָפּ מאַכט פֿריי די צונג צו וואַרעמט דאָס בלוט שווענקט אויס די געדערם. (אויפטריט אלכסנדר) אָה קאַמעראַד, דיך דאַרף איך , זעהר גוט וואָס דו ביסט געקומען .

אלכסנדר : וואָס זשע, ווילסט ווערען ביי אונז אין מאַגאַזין דער גאַנצער פֿיהרער ?

וולאדימיר : וואָס פֿאַר אַ פֿיהרער , וואָס פֿאַר אַ גאַנץ קום אַהער סאַדים בראַט , באַלד וועט מען אונז ברענגען בראַנפֿען און איך מיט דיר וועלען מיר לעבען ווי אַנדערע צווי . איך האָב צו געזאָגט דעם טאַטען דיינעם מאַכען פֿון דיר אַ לייט און איך וועל מאַכען איך וועל פֿאַר דיר עפֿענען אַ נייע וועלט, וואו עס ברענען אַ סך ליכט וואו מען זינגט שענע ליעדער , וואו שענע מאַמזעלען שפּאַציערען וואו מען שנייט אַ קערטיל און מען קנאַקט אַביסעל משקה.

אלכסנדר : און דער טאַטע מיינסטו וועט דיך דערפֿאַר ניט אַרויסקנאַקען פֿון דאַנען .

וולאדימיר : פֿערלאָז דיך שוין אויף מיר איך וויים ווי מען לערנט אַ טאַטען דרך ארץ (אויפטריט למך מיט 2 פֿלעשער בראַנפֿען דער ראָק צוריסען דאָס פּנים אויסגעשמירט).

למך : (וויינט) די יונגלעך האָבען מיך געשלאָגען זיי האָבען צורי=סען אויף מיר דעם ראָק .

וולאדימיר : (נעהמט ביי איהם צו די בראַנפֿען) נו שאַדט ניט, אַבי דער בראַנפֿען איז דאָ (שטעלט אויף'ן טיש) מומע שפּרה! שפּרה גיט אונז עטוואָס פֿערבייסען .

שפרה: זאָל איך אַזוי קיין שלעכטס ניט האָבען, ביי אונז איז דאָך אַלעס אָבגעצעהלט און אָבגעמאָסטען.

וולאדימיר: נו, נו, מומעניו קוילעט פֿון אונזער וועגען אַ וואָלגעדהעריגג. פֿאַלמעסט איהם מיט עסיג, בעפּוצט איהם מיט אַ קראַנץ פֿון ציבעלע און איך וועל אייך דערפֿאַר ליעב האָבען.

שפרה: אוי איז דאָס אַ שלאַק, אַ מזיק (געהט ברענגט באַלד אויף אַ טעלער הערינג 4 גלעזלעך).

וולאדימיר: נאָ סאַדים בראַט, קוטאַי (אלכסנדר גיסט אָן) למך קום אַהער צום טיש.

למך: איך האָב מורא דער טאַטע וועט מיך שלאָגען מיט'ן קאַנטשיק ווייל איך האָב צוריסען דעם ראָק.

וולאדימיר: האָב קיין מורא ניט איך וועל דיר קויפֿען אַ אַנדער ראָק קום זעץ דיך (פֿיהרט איהם צום טיש ער דערזעהט הערינג חאַפּט מיט'ן האַנד זיי לאָזען ניט).

וולאדימיר: (האָט דערווייל אָנגעגאָסען אַלע גלעזלעך) נו למך, טרינק. מומע שפרה, טרינקט אויך!

שפרה: אַ יודינע בראַנפֿען, וויים איך...

וולאדימיר: אָהן פֿוילע שטיק טרינקט. נאַ זדראַוויע בראַט (אַלע טרינקען) אויף איין גלעזעל איז ווי אויף איין פֿוס מען הינקט. (גיסט אָן) למך נו קנאַק אַריין, מומע שפרה, טרינקט נאָך איינס (אַלע טרינקען) אַזוי ווי אַ המן־טאַש האָט דריי עקען אַזוי מוז מען דריי מאָל טרינקען למך קנאַק אַריין, מומע שפרה נו. (זי נעהמט, למך לאַכט ווילד פֿערשיכורט)

למך: חאַ האַ חאַ, אוי עס וואַרימט און עס צו געהט זיך אין אַלע ביינער.

אלכסנדר: ווי איך האָב דיך נאָר דערזעהן האָב איך שוין פֿערשטאַנען דאָס דו ביסט אַ פֿיינער מענש איך האָב דיך ליעב ווי איך בין אַ יודיש קינד.

וולאדימיר: אַזוי ווי אַ וואָגען האָט פֿיער רעדער אַזוי מוז מען טרינקען פֿיער מאָל (גיסט אָן) אלכסנדר, קוטאַי, וואַליאַי! למך טרינק. מומע שפרה נאָ נאָך איינס.

שפרה: אוי איז דאָס אַ פֿייערדיגער יונג. לחיים קינדער (טרינקט) האַ חאַ חאַ, אויף מיין וואָרט איך בין שיכור.

וולאדימיר: מיין כלל איז...

למך: הפקר פּעטרושקאַ.

וולאדימיר: נאָ גאָספּאָדאַ דאַוואַיטע זאַפּאַיאָם טשטאָ ניבוד.

אלכסנדר: יאָ, יאָ, זינגען, טאַנצען, פֿרעהליך (אַלע זינגען... „Запрягу я" נעהמען שפרה, למך, טאַנצען, אויפֿריט שמואל, זעלדע מיט פּאָקופּקעס).

שמואל : קוק אן זעלדע וואס דא טהוט זיך — דו אידיאט וואס איז דאס ? ווער האט עס דיך אזוי צופליקט ?

אלכסנדר : ער וועט מיר ווייזען ווי מען לערנט אטאטען דרך ארץ ...

וולאדימיר : חאפ נאך ניט עס איז נאך ניט הפקר פעטרו-שקא (למך טאנצט ווילד) ,

שמואל : ווי געפעלט דיר אזא חתונה אט וועל איך איינבאלד אן כלי זמר אבשפילען א חתונה (צו שפרה) וואס איז דאס ?

שפרה : (גאנץ שיכור לאכט) זאל איך אזוי וויסען פון בייז ווי איך ווייס , חא חא חא .

למך : טאטע אז מען טרינקט בראנפען ווערט אזוי גוט אויפ'ן הארצען דער קאפ ווערט אזא גרויסער און די פיס אזעלכע קליי-ניטשקע (טאנצט ווילד , לאכט , שפרה לאכט אויך שיכור) .

שמואל : ארויס פון דאנען , אין קיך אריין דו אידיאט ! (נעהמט זיי אן ביים קראגען אלע דריי אב) .

זעלדע : ביסט ערשט אריין אין שטוב אריין און האסט שוין געוויזען דיינע פוילע שטיק נו געה טראג דיך אב באציייטען .

וולאדימיר : נור ניט געווארפען מאדאם, אלכסנדר קאם, דער אנפאנג וואר ניט שלעכט .

אלכסנדר : דיר וועל איך פאלגען און זיי אלע הער איך ווי די קאץ .

וולאדימיר : מאדאם זאג דעם אלטען דיינעם ער זאל אויפ-הערען זיך אזוי שטארק צו בלאזען ווארום דו קאנסט דאך מיר ביי מיר איז . . . (מאכט א קולאק) הפקר פעטרושקא (אב) .

זעלדע : פאר מיין גליעד-שוועסטערקינד וועט מיר שוין דער אלטער מיינער זאגען אביסעל מוסר ; נאר מילא איך וועל איהם שוין מוזען געבען נאך אקוש (בעטראכט באנדעלם) אך, וועלכע שענע מוסטערן , (אויפטריט ליזא) ליזא , זעהסט וואס פאר אטוך דער טאטע האט אונז גענומען אויף קליידער — דו בעליידיגסט מיך תמיד און איך האב גע-זאגט דעם טאטען אז דו דארפסט אויך אקלייד .— זעהסט ? דאס זיידענע און דאס וואלענע איז פאר מיר און דיר האב איך אויך געהייסען נעה-מען אשיין שטיקעלע קרעטאן אויף אקלייד און פאר שפרה'ן אפארטוך אויך . היינט זאלסטו זעהן וואס פאר אשען מעבעל מיר האבען געקויפט, דאס אלטע מעבעל וועלען מיר אין גאנצען הערויסווארפען .

ליזא : עס פרעהט מיך זעהר, נור ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען , נעהמט מיין קרעטאן און שפרה'ס פארטוך אויך . וועניג-סטענס אז איהר וועט אוועקגעהן פון אונזער הויז וועט אייער בעריהמ-

טער טשעמאָדאַנטשיק זיין אַביסעל פולער, ווי איהר האָט איהם אַהער געבראַכט.

זעלדע: וואָס זשע דו פערגינסט מיר ניט?

ליזא: פאַר וואָס ניט? איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז אַפרוי וואָס איז מעהר ניט אַלט, ווי 24 יאָהר האָט חתונה פאַר אַמאַן פון 60 יאָהר איז עס געוויס ניט צוליעב עולם הבא וועגען — פערניצט עס געזונטערהייד... נור וואָס זעה איך איהר טראָגט אויף זיך מיין מוטערס צירונג, ווער האָט עס אייך ערלויבט?

זעלדע: וואָס הייסט ווער? דיין טאַטע און מיין גוטשינקער מאַן.

ליזא: וואָס? איהר וועט טראָגען אויף אייער קערפער מיין מוטערס צירונג?

זעלדע: יאָ! יאָ! איך בין דיין טאַטענס פרוי גראַדע ווי דיין מאַמע איז איהם געווען, איך בין מאַדאַם לייבליך ווי זי, איין יחוס...

ליזא: ווי וואַגט איהר זיך צו גלייכען צו מיין מוטער? מיין מוטער איז געווען אַ אָרדענטליכע עהרענס=ווירדיגע פרוי, גיבט אַהער דאָס צירונג ווען איהר ווילט ניט אַז איך זאָל עס ביי אייך אַרונטער=רייסען.

זעלדע: אַוועק פון מיר וואָרום...

ליזא: אַהער גיבט די צירונג (רייסען זיך, אויפטריט שמואל).

שמואל: וואָס איז דאָ?

זעלדע: אוי איך אונגליקליכע, איך האָב געמיינט אַז איך וועל מיט מיין מאַן גליקליך לעבען, מען האָט מיר אָבער געזאָגט אַז דעם מאַנס קינדער וועלען מיך יונגערהייד בעגראָבען.

שמואל: וואָס, זיי ווילען דיך בעגראָבען, גיכער וועל איך זיי אַלע בעגראָבען, אַ כפרה מעגען זיי ווערען פאַר דיין מינדעסטען פינגערל, דו ווילסט מיין לעבען זיס מאַכען און זיי פערסען יעדער מינוט מיין פערגניגען וואָס איך האָב — ווי וואַגסטו צו זיין זאָ גראָב געגען דיין צווייטער מוטער, געגען דייני פאָטערס פרוי.

ליזא: פאַר געלד קויפט מען אַ סך אַזעלכע פרויען, איך וויל זי זאָל זאָפאָרט מיין מוטערס צירונג אויסטהון.

שמואל: שטיל זאָג איך וואָרום דו קריגסט באַלד פעטש.

ליזא: ניין, איך וועל ניט שווייגען מיין מוטערס צירונג וויל איך...

שמואל: וואָס? איך בין שוין קיין טאַטע ניט מעהר, איך בין שוין קיין בעל הבית דאָ אין שטוב? דו חצופה, מיינסט איך וועל דיר ערלויבען יעדען טאָג מיין פרוי צו בעליידיגען? איך וועל דיר... (וויל איהר שלאָגען).

ליזא: (האפט זיין האנד) וואס? מיך שלאגען?! יעצט ווען איך בין שוין אערוואקסענעס מעדכען, מיך שלאגען פאר אזא געמיינע פרוי? וואס מיינסטו איך בין אליין דאס צעהניאהריגע קינד וואס דו פלעגסט אימער טרעטען מיט די פיס, אדער איך בין דער אונגליקליכער למך וועלכען דו פייניגסט יעדע מינוט און שמייסט איהם מיט'ן קאנטשיק?! ווייטער מיט די הענד! ר' שמואל לייבליך ווייטער מיט די הענד!

שמואל: דו עזות מחוצף פנים, איך וועל דיך דערהרגענען. א דאס זענען די היינטיגע קינדער ניט גערדאכט זאלען זיי ווערען, אויס-געריסען זאלען זיי ווערען, דאס איז דער כבוד און נחת וואס מען האט פון זיי, הרגנען, רייסען פאסען-וויז קאטעוועז, שינדען די הויט, שלאגען מכת רצח...

ליזא: (פארשטעלט זיך מיט'ן שירם) מיך שלאגען, עס איז צו שפעט, איך ערלויב עס ניט — וואגט עס ניט צו טהון דען געגען אייך שטעהט קיין קינד מעהר, געגען אייך שטעהט איינע פרוי, וועלכע וויל פער-טהיידיגען איהרע רעכטע און די עהרע פון איהר געשטארבענע און גע-ליעבטער מוטער (געהט צו ביז'ן טהיר, ער וויל איהר שלאגען) וואגט עס ניט, וואגט עס ניט!

פארהאנג פאלט.

דריטע אקט.

דאס זעלבע צימער נור רייכער מעבלירט למך גנבה'ט זיך אריין שטיל.

למך: פריהער האב איך ליעב געהאט צו זיצען דארט וואו מענשען געפינען זיך און איצט האב איך ליעב נור צו זיין אליין מען טרייבט מיך פון דאנען מען הרגעט מיך איך זאל אהער ניט געהן און מיך ציהט עס דוקא אהער, ווען דא איז ניט געוועזען אזעלכע שטוהלען און דיוואנען, איז דא געוועזען ווארם און פרעהליך, היינט איז דא קאלט פוסט, פינסטער, טרויעריג ווי ביי מיר אט א דא (צייגט אויף זיין הארץ) שמעון איז ניטא און קיינער ווייסט ניט ווי שווער מיר איז אויף מיין הארץ, קיינער קען מיר ניט ערקלערען וואס עס טהוט זיך אט דא ביי מיר (נעהמט ארויס פון ביזעם זעלדעס האנדשוה, לענטעס, הארנאדלען שמעקט אליין) א דאס איז זעלדעטשקעס! אז איך שמעק אט דאס א, זעה איך זי פאר מיינע אויגען אז איך וויל שטעהט זי דא אז איך וויל זיצט זי דארט. א! אט איז זי שוין דא! געה, געה אהין. און אז איך מאך צו מיינע אויגען הער איך איהר שטימע איהר געלעכטער, איהר זינגען „האפ מיינע שיבעלעך האפ מיינע שענע”... איך זאל וויסען אז שמעון וועט זיך ניט בייזערן וואלט איך איהם געפרעגט פאר וואס איז דאס? אז איך טראג דאס אלעס צו נעהנטער צו זיך ווער איך שיכור אזוי ווי פון

דעם בראָנפּען וואָס וועלוועלע גנב גיבט מיר צו טרינקען, איך ווער שיכור דער קאָפּ ווערט צודולט, די הענד ציטערן די פיס קענען ניט געהן — קום אַהער זעץ זיך דאָ... (אויפטריט ליזאַ, למך ערשרעקט זיך בעהאלט די זאַכען).

ליזא: ביסטו דאָ אַליין למך? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען?

למך: איך האָב געמיינט דער טאַטע אָדער שפרה געהט אַהער.

ליזא: וואָס בעהאַלסטו עס דאָרטען?

למך: גאָר ניט גאָר ניט, מיינע צאַצקעס, גלאַט אַזוי נאַרישקייטען... ליזאַ, האָסט נאָך ניט געגעסען? דער טאַטע מיט דער מאַמע האָבען געגעסען אַ געבראָטענע קאַטשקע. געה עסען! איך בין ניט הונגריג איך געדענק שוין ניט ווען איך האָב געוואָלט עסען.

ליזא: ביסט קראַנק למך? ביסט בלאַס, דו זעהסט אויס אַזוי שלעכט, וואָס טהוט דיר וועה?

למך: מיר טהוט גאָר ניט וועה, נור איך פיהל אַז אַשד זויגט ביי מיר מיין בלוט אונטערן האַרצען אי בייטאָג אי ביינאַכט שטענדיג.

ליזא: וואַרט למך איך וועל געפינען אַשטעלע וועל איך דיך צו נעהמען פון דאַנען. — אַ מיין אָרעמער און אונגליקליכער ברודער ניט נור קליינע קינדער, אויך גרויסע זענען אונגליקליך ווען זיי האָבען קיין מוטער, עס גיעט אויף דער וועלט נור איין טרייע ריינע היילינגע ליעבע, דאָס איז די ליעבע פון אַ מוטער צו איהרע קינדער, מיר זענען יעצט אַלע אונגליקליכע עלענדע יתומים.

למך: און דער טאַטע איז אויך אַ יתום? ש... איך הער איהרע טריט, קיינער הערט ניט אַזוי גוט ווי איך, ש... (פערשטעקט זיך אונטער'ן פאָרהאַנג, אויפטריט זעלדע).

זעלדע: אָט איז זי דאָ דער מאַמעס בת יחידה.

ליזא: סקאָצעל קומט דער טאַטענס בת יחידה.

זעלדע: שפרה, שפרה! (אויפטריט שפרה)

שפרה: וואָס איז בעל הבית'טע?

זעלדע: איך רעד ניט מיט איהר, זאָגט איהר אַז איהר פאָטער וויל זי ניט זעהן, ער האָט איהר איינמאָל פאַר אַלע מאָל פערבאָטען אַהער צו געהן, לאָז זי זיצען ביי זיך אין צימער אויב זי וויל אויסמיידען קריג און סקאַנדאַלען וואָס בעסער פאַר איהר און פאַר מיר.

שפרה: (צו ליזאַ) מאַדאַם זעלדע זאָגט, אַז דער טאַטע וויל זיין דאָ און איהר דאָרט אויב איהר ווילט אויסמיידען קריג און סקאַנדאַלען ווי פאַר אייך איז בעסער.

ליזא: זאָגט איהר שפרה אַז איך ווייס אַליין גאַנץ גוט וואו איך מעג זיצען און וואו איך מעג זיין.

שפרה: מאמזעל ליזא זאגט אז זי ווייסט בעסער פון אייך וואו זי מעג זיצען און וואו זי מעג זיין.

זעלדע: זאגט איהר שפרה אז מיין געדולד האט א גרענעץ און זגעגען מיין עדלען חאראקטער וועל איך איהר מוזען וויזען ווי מיינע נעגעל דראפען.

שפרה: מאדאם זעלדע זאגט אז זי האט א גרענעץ און זי וועט אייך מוזען דראפען געגען איהר איידלען חאראקטער.

ליזא: זאגט איהם אז איך וויל מיך ניט שמוציג מאכען מיט אזא פרוי.

זעלדע: וואס פאר אזא פרוי בין איך עס דיר!

ליזא: ניט מיר זענט איהר אזא פרוי.

זעלדע: דו מיינסט איך וועל דיר שטענדיג שווייגען, ארויס פון מיין הויז!

ליזא: פון דיין הויז?! שוין לאנג מאדאם זעלדע, אז איהר זענט געקומען דא פון הקדש?

זעלדע: ארויס פון מיין הויז דו... (וויל זי שלאגען)

ליזא: וואס? מיט די הענד? שלאגען זיך גאר?.. איך וועל דיר... (חאפט דעם שירם).

שפרה: הערט אויף! בעל הבית! ר' שמואל!

למך: (טרעט אין דערמיט), ניטע, שלאגט זי ניט (ליזא שלאגט מיט'ן שירם טרעפט למך'ן) שלאג זי ניט.

ליזא: פאר וועמען בעטסטו? פאר איהר? דו האסט זי דען ליעב?

למך: זי? (קוקט אויף זעלדע) איך ווייס ניט. ש... דער טאטע געהט! (לויפט אב אויפטריט שמואל).

שמואל: (קוקט בייז אויף ליזא) וואס איז דא?

זעלדע: קלויב נחת פון דיין טעכטער'ל. קוק זי נאר אן מיט דיינע אויגען, זי האט געהרג'ט געשלאגען. (וויינט).

שמואל: (עפענט די טהיר) געה, געה פון מיין הויז, דא קענסטו ניט מעהר בלייבען, געה!

ליזא: יא, איך געה, דא בלייב איך ניט מעהר, אבער איי־דער איך געה, וויל איך אייך פרעגען. ווייסט איהר, וואוהין איהר שיקט מיך?

שמיאל: איך שיק דיך אוועק פון מיין הויז, דא פארשטערסטו מיר מיין לעבען, דו וואגסט צו בעליידיגען מיין פרוי, דו האסט אויפ־געהויבען דיינע פרעכע הענד געגען דיין צווייטער מוטער, געה וואוהין

דו ווילסט, ווילסט זיין זעלבסטשטענדיג, לעבען מיט דיין אייגענעם שכל, די טהיר איז אָפען פאַר דיר.

ליזא: האָט איהר געדענקט דערפון, וואו איך וועל נעהמען מיטעל צום לעבען?

זעלדע: דו ביסט דאָך אַ קלוגע. אַ בריה דו האָסט דאָך פאַר קיין זאַך קיין מורא, אַזעלכע ווי דו שטאַרבען ניט פאַר הונגער.

שמואל: האָסט ניט געוואָלט הערען דיינע עלטערן און דיך פיהרען אַנשטענדיג, געה אַרבייטען, וועסט אַרבייטען, וועסט האָבען מיטעל צום לעבען.

ליזא: אַרבייטען, עס איז גרינג צו זאָגען געה אַרבייטען, אָבער צו וואָס פאַר אַנ'אַרבייט האָט איהר מיך געלערנט — מיינט ניט, אַז איך בין געזעסען און האָב געוואַרט ביז אייער ליעבע פרוי, די האָכגעשעצטע מאַדאַם זעלדע וועט מיך פון אייער הויז אַרויסטרייבען. שוין 3 חדשים געה איך אַרום איבער די שטאָדט און איך זוך אַרבייט, קום איך אין איין קאָנטאָר, פרעגט מען מיך, אָב איך קען אייראָפּעאישע שפּראַכען, ניין איך האָב ניט געלערנט, קום איך אין איין גרויסען ברויטגעשעפט, פרעגט מען מיך, אָב איך קען איטאַליענישע בוכהאַלטעריע, איך קען ניט, איך האָב ניט געלערנט — אין אַ מאָדע־מאַגאַזין, פרעגט מען מיך, אָב איך בין אַ מאָדיסטין? איך אַ מאָדיסטין? איך בין דאָך אַ טאַטענס אַ קינד, אַ מיוחסת אַ בת יחידה, איך האָב ניט געלערנט. די נייטאָרין פרעגט מיך, אָב איך קען נעהען, קאָכען, וואַשען, פרעסען? ניין, ביי מיין פאָטער אין שטוב זענען געוועזען דינסטען. זיי האָבען געבאַקען, געקאָכט און געפּרעסט, איך קען ניט, איך האָב ניט געלערנט, — יאָ, איך וועל געהן אַרבייטען, אָבער איך פרעג אייך צו וואָס פאַר איין אַרבייט האָט איהר מיך געלערנט? צו וואָס פאַר איין אַרבייט האָט איהר מיך פאַר־בערייטעט? ענטפערט מיר! איהר זייט מיין פאָטער און איהר האָט קיין רעכט מיר אויף דיעזע פראַגע ניט קיין אַנטוואָרט צו געבען.

שמואל: אַ קליינינקייט! איך פרעג דיך, ווי וואַקסען עס אויס אַלע יודישע טעכטער? וואָלסט דיך געוואָלט שאַנעווען און זיין איין מענש וואָלט איך דיך חתונה געמאַכט און וואָלסט זיך געלעבט, ווי אַלע ווייבער לעבען. ביסט אָבער צו קלוג, נאָ טהו, ווי דו פערשטעהסט, נאָר לאָז מיך צורוה.

ליזא: יאָ, אַלע יודישע פאָטער גרייטען זייערע טעכטער נאָר צו דער חתונה, דאָס לעבען איז אָבער קיין חתונה, וואַרום פאַרבערייטעט איהר אונז ניט צו אַ לעבען, וואַרום פערדאַרבט איהר אונז מיט אייער ערציהונג, וואַרום פאַרקריפּעלט איהר אונז און מאַכט אונז פאַר טויגעניכטסען?

זעלדע: וואָס האָסטו דיך דאָרט געשטעלט הערען איהרע

דרשות? דיך אַרט אודאי, וואָס זי האָט מיך געשלאָגען, ועסט וואַרטען נאָך אַביסעל וועט זי מיך דערהרגענע'ן אויך.

ליזא: שרעקט אייך ניט מאַדאַם זעלדע, איהר וועט בלייבען גאַנץ. דער רוססע זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „דער טייוועל נעהמט ניט דעם אונוויררדיגען".

שמואל: גענוג! האָסט שוין גענוג גערעדט, געה פֿון מיין הויז!

ליזא: יאָ, איך געה! איך וויל ניט רעדען דערפֿון, וואָס מיין הערץ פֿיהלט, ווען איך טרעט אַריבער די שוועל פֿון מיין פֿאָטערס הויז פֿיליכט צום לעצטען מאָל. איך וויל ניט זאָגען, וואָס מיין קאָפּ דענקט פֿון אַ פֿאָטער, וועלכער פֿאַריאָגט פֿון זיין הויז אַלע זיינע קינדער, אום ער זאָל זיך קענען גאַנץ און גאָר איבערגעבען אין די הענד פֿון זאַ איין פֿאַלשע פֿרוי.

שמואל: קיין וואָרט מעהר!

ליזא: יאָ קיין וואָרט מעהר דערפֿון, וואָס עס קאָן ווערען פֿון איונג מעדכען, וועלכע האָט קיינע פֿריינדע, קיין שוץ, קיין מיטעל צום לעבען, קיין געוואָהנהייט צו אַרבייטען. איך געה, אום ניט צו שטערן דאָס גליקליכע לעבען פֿון דעם יונגען ליעבענדען עהרענסוויר-דיגען פּאָאַר חאַ, חאַ, חאַ! מזל טוב דיר פֿאָטער, מזל טוב אייך מאַדאַם לייבליך! חאַ, חאַ, חאַ, מזל טוב אייך, מזל טוב! (אָב)

שמואל: געה! געהט אַלע וואָהין איהר ווילט, לאָזט מיר לעבען אויף דער וועלט, לאָזט מיך געניעסען פֿון דעם גליק, וואָס גאָט האָט מיר באַשערט, צוגעשיקט אויף מיינע עלטערע יאָהרען, וואָס ווילט איהר? איך זאָל מיך אָבזאָגען פֿון מיין לעבען צוליעב אייך? ניין, איך וויל נאָך לעבען אויף דער וועלט, זעלדעטשקע ערגער דיך ניט.

זעלדע: אוי מיין קאָפּ!.. (פֿאַלט אויפ'ן דיוואַן קרימט זיך).

שמואל: וואָס איז דיר זעלדעטשקע? — דאָס קעפּעלע טהוט דיר וועה, אַט וועל איך דיר באַנעצען מיט אָדעקאָלאָן — מיר זאָל זיין פֿאַר דיין קעפּעלע (נעהמט פֿון טיש'ל אָדעקאָלאָן באַנעצט איהרע שלייפֿען) נאָ, מיין קעצעלע, ווי פֿיהלסטו דיך איצטער? איז דיר בעסער?

זעלדע: בעסער, בעסער. געה נודע מיך ניט, (גיט איהם אשטויס).

שמואל: קעצעלע מיינס הינדעלע...

זעלדע: (וויעדער אשטויס) אוי געה וועק פֿון מיר, וואָס מאַכסטו דיך נאַריש, דו אַלטער אָקס!

שמואל: זעלדעטשקע, איך בעט דיך טרייב מיך ניט פֿון דיר, האָב רחמנות אויף מיר, איך פֿערליער מיין געזונד, מיין פֿערשטאַנד, (וויינענד) זעה, וואָס דו האָסט פֿון מיר געמאַכט.

זעלדע: נאָ, שאַ, שאַ, איך האָב דיך ליעב, ליעב.

שמואל: אוי מיין קעצעלע, (נעהמט זי אַרום).

זעלדע: יאָ דו זאָגסט תמיד, אַז דו האָסט מיך ליעב, און פון דעסטוועגען פאַרטרויסטו מיר ניט די שליסלען פון דער קאַסאַ.

שמואל: פון וועלכער קאַסע?

זעלדע: וואָס הייסט פון וועלכער? וואָס מאַכסט דיך תם'וואַטע? פון דער קאַסע, וואו עס ליעגט דער בעריהמטער זאַק.

שמואל: צו וואָס דאַרפסטו די שליסלען? עס איז דען ניט אַלעס איינס, איך ושאַלעווע דיר דען חלילה, אוי נאַרעלע, דו ווייסט אַליין ניט וויפיעל הונדערטער איך האָב שוין פון דאָרט אַרויסגעשלעפט.

זעלדע: יאָ, אָבער, אַז די שליסלען זענען ביי דיר, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך בין דאָ אַפרעמדע, אַגעדונגענע. — איך בין די ווירטין פון דעם הויז און די שליסלען דאַרפען זיין ביי מיר. איבערהויפט דו ביסט דאָך שוין אַזוי אַלט.

שמואל: איי, איי, זעה זעלדע, ווי שלעכט דו ביסט. נאָך וואָס דאַרפסטו זאָגען, אַז איך בין אַלט, ווייסטו דען ניט, אַז דאָס גיעט מיר אַשטאָך אין דער זיעבעטער ריפ.

זעלדע: איך מיין ניט, אַז דו ביסט אַלט. איך מיין נאָר, אַז די לעצטע צייט איז ביי דיר דער זכרון אַזוי שוואַך געוואָרען, אַז דו געדענקסט גאָר ניט.

שמואל: אמת, אמת, איך האָב די לעצטע צייט מיין קאָפּ פערלאָרען, דאָס איז ניט מעהר אַ קאָפּ נאָר אַפּראָסטער צעבראָכענער טאָפּ.

זעלדע: נאָ זעהסטו אַז איך האָב רעכט, ווער ווייסט וואָס ס'קען זיך טרעפען, מיר זענען דאָך אַלע מעהר ניט ווי מענשען... נאָ נאָ, גיעב מיר די שליסלען, מיין טהייערער מאַן... נאָ נאָ דיר אַ קוש (קושט איהם אויפטריט למך).

שמואל: (מלא שמחה) נאָ נאָ דיר די שליסלען, נעהם צו מיין לעבען, מיין פערמעגען וואָס איך האָב 40 יאָהר געזאַמעלט גראָשען־וויים נעהם אַלסדינג. נור האָב מיך ליעב. פאַרגעס אַז איך בין אַלט אַז איך בין שוואַך (אומאַרמט איהר) אוי מיין גאָלדענע פישעלע, מיין קעצעלע.

למך: (קריכסט צו הינטער איהם) ניין טאַטע, ניט אַקעצעלע איז זי נור אַקאַץ אַגרויסע ווייסע קאַץ.

שמואל: (שפּרינגט אויף מיט זעלדען ערשראָקען) וואָס איז דאָס? ביסט שוין ווידער דאָ דו אידיאָט!

למך: ביזט אַקאַץ, טפרום! (שלאָגט שמואל'ן איבער די הענד) טפרום!.. (זעלדע ערשראָקען אָב)

שמואל: ארויס פון דאנען! וואו איז דער קאנטשיק?!

למך: זאגסט אליגען טאטע, דאס גילדענע פישעלע איז שוין ניטא, די שלעכטע האט געשלאגען און געטריבען דעם אלטען — (קריכט אויף דער ערד) טפורם!..

שמואל: נאט איז מיט דיר למך, וואס וויזט זיך דיר אויס?..

למך: צום ערשטען מאל ווען דער אלטער איז געקומען צום ים רופען דאס פישעלע איז דאס וואסער געווען שטיל, די זון האט געשיינט העל, צום צווייטען מאל האבען די וועלען גערוישט, די זון האט זיך פערבארגען אין א דונקעלען וואלקען. צום דריטען מאל איז געווארען שרעקליך פינסטער, דער ים האט געשטורמט דאס וואסער האט געקאכט, דער ווינד האט געריסען און געיאמערט עס האט געדונערט און געבליצט (לויפט נאך שמואל'ן צו שלאגען).

שמואל: וועה מיר, גוואלד ראטעוועט! ראטעוועט! שפרה, שפרה! (למך פאלט געבען דיוואן אהנמעכטיג, אויפטריט שפרה). געשווינד רופט מענשען מען זאל איהם בינדען, רופט אדאקטאר אפשר דארף מען איהם אפפיהרען אין שפיטאל אריין, געשווינד אדאקטאר.

למך: (קרעכצט וויינענד) יא, יא, שיקט נאך אדאקטאר, איך בין קראנק מיין קאפ טהוט מיר וועה, מיין בלוט לויפט אום אהין און אהער, אופין הארצען ליעגט אגאנצער זאק מיט זאמד, דער מארך פון מיינע ביינער האט זיך אנגעצונדען, איך בין קראנק איך וועל משוגע ווערען, גיבט מיר א רפואה.

שמואל: (צו שפרה) נו, וואס שטעהט איהר, געהט נאך אדאקטאר.

שפרה: וואס פאר אדאקטאר? וואס פאר ארפואה? דער קאנטשיק איז די בעסטע רפואה, איהר זעהט דען ניט, אז ער מאכט זיך משוגע, אט ברענג איך באלד א מעדיצין (געהט אין צווייטען צימער).

למך: אוי מיין קאפ ווערט מיר צושפאלטען, אגאנצער בארג ליעגט ביי מיר אט דא א.

שפרה: (ברענגט דעם קאנטשיק) אט דאס וועט זיין די בעסטע רפואה.

שמואל: (נעהמט ביי איהר דעם קאנטשיק) וואס מאכסטו דיך משוגע, הא?

למך: איך ווייס ניט, היילט מיך אויס אדער דערהרגעט מיך.

שמואל: (שלאגט איהם מיט'ן קאנטשיק) מען טאר זיך ניט מאכען משוגע, מען טאר ניט...

למך: אוי, אוי, טאטע שלאג מיך ניט, איך בין ניט שולדיג.

שמואל: (שמייכט) ווער דען איז שולדיג? (אויפטריט זימאן רייסט ארויס ביי איהם דעם קאנטשיק).

זימאַן: דו בּיסט שולדיג! ער איז נאָר געווען אַ בּלעדזיננינגער, ער האָט געהאַט אַשוואַכען קאָפּ, האָסטו איהם געמאַכט פאַר איין אידיאָט יעצט ווילסטו איהם אין גאַנצען אַראָפּפיהרען פון'ם זינען.

שפרה: אוי טהײַערער שמעון, איהר זאָלט זעהן וואָס פאַר אַ מישענינע בײַ אונז אין שטוב איז, אַזוי ווי איהר זעהט קאַשע מיט בּאָרשט מיט לאָקשען אַלעם אין איינעם.

שמואל: ווער פרעגט אײַך? אַרויס פון דאַנען! (שפרה אָב. זימאַן הייבט אויף למך).

למך: (וויינט) אוי שמעון נאָך וואָס האָסטו מיר אַוועקגעוואָרפען? אָהן דיר איז מיר אַזוי שלעכט דאָ צו לעבען.

שמואל: נאָ, געבּילדעטער פילאָזאָף מײַנער בּיסט אויך געקומען מאַכען דעם טאַטען סקאַנדאַלען. איין מינוט קען איך ניט לעבען רוהיג, קוים ווער איך פטור פון איינעם קומט דער אַנדערער, מען זאָגט קינדער איז אַ ברכה פון גאָט,—אַליגען! אַ קללה, די ערגסטע קללה פון דער וועלט (געהט אַרום אויפגערעגט) איך האָב אַלסדינג געאָפּפערט, אַלםדינג אָפּ געגעבען. מערדער! רוצחים! לאָזט מיר גענישען פון דעם גליק פאַר וועלכען איך האָב אַזוי טהײַער בּעצאָהלט, וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס ווילט איהר?

זימאַן: שרעקט אײַך ניט, ניט קריגען זיך מיט אײַך בּין היערהער געקומען, זאָנדערן אײַך בּעטען איהר זאָלט מיר ערלויבּען נעהמען מײַן בּרודער צו זיך. וואָס דאַרפט איהר איהם דאָ? ווער האָט צײַט אויף איהם אַכטונג צו געבּען?

שמואל: (צוטראָגען) אַלעם אָבגעגעבּען און דאָך גאָרניט געקראָגען דערפאַר, און אַזוי זאָל עס פאַרלאָרען געהן? ניין, איך האָב בּעצאָהלט איך וויל גליקליך זײַן — — וואָס זאָגסטו שמעון? ווילסט איהם נעהמען צו זיך? וואָס זשע בּיסטו איין עושר געוואָרען.

זימאַן: יאָ, איך בּין גאַנץ רײַך געוואָרען.

שמואל: דאָס זעהט מען אָן דײַנע שטיוועל.

זימאַן: איך פערדינען 5 רובל אַוואָך. מײַנע קאַמעראַדען האָבען מיר פערשפּראָכען צו אונטערשטיצען, זײַט רוהיג אײַער אונגליקליכען זוהן וועט בּײַ מיר גאָר ניט פעהלען.

שמואל: (אויפגערעגט) די שליסלען... ווי אַזוי האָב איך עס געקענט טהון?... וואַרט זימאָן איך ווייס ניט... איך מוז מיך ערסט איבּער־לעגען, איהם לאָזען געהן פון מײַן הויז איז מיר ניט גרינג, ווער וועט עס גלויבּען, אַז איך האָב איהם ליבּער פון אַלע מײַנע קינדער!—איך בּין איצט, ווי אַצומישטער, טהו, ווי דו פאַרשטעהסט—וואו איז געווען מײַן זינען? אַוועקגעבּען די שליסלען... מײַן פערמעגען, וואָס איך האָב 40 יאָהר געזאַמעלט, ניט געגעסען ניט געשלאָפען,

ווי אַזוי האָב איך געקענט טהון אַזאַ נאַרישקייט ? ניין , ניין , אַלסדינג, יאָ , נאָר דאָס ניט , די שליסלען מוז איך האָבען צוריק , זעלדע ! די שליסלען אַהער , זעלדע ! . . (אָב) .

זימאָן : אונגליקליכער אַלטער ! — נון , למך וועסט געהן מיט מיר ? ביי מיר איז אונזער שוועסטער ליזאַ , מיר וועלען שטענדיג זיין צוזאַמען , איך וועל דיר לעזען שענע געשיכטען , אָפט קומען צו מיר מיינע קאַמעראַדען און זינגען , דו האָסט דאָך ליעב געזאַנג . ביי מיר וועט דיך קיינער ניט שלאָגען , קיין קאַנטשיק וועסט דו אויך שוין מעהר ניט זעהן .

למך : יאָ , שמעון , איך וועל געהן מיט דיר , דו וועסט ערצעהלען שענע געשיכטען , וועסט מיר זינגען זיסע ליעדער און מיין קראַנק האַרץ וועט אויפֿהערען וועה צו טהון און איך וועל ווערען געזונד (וויינט) שמעון , פֿאַר וואָס האָסטו מיך אַוועקגעוואָרפֿען ? איך בין געוועזען אַליין און קיינער האָט ניט פֿערשטאַנען , ווי אונגליקליך איך בין .

זימאָן : ביי מיר וועסטו פֿערגעסען דעם בעזען פֿאָטער און די שלעכטע שטיפֿמוטער .

למך : (ערציטערט) פֿאַרגעסען ? ניין , איך וויל ניט געהן , איך האָב מורא צו געהן , ווען מיין האַרץ וועט אויפֿהערען וועה צו טהון , ווען איך וועל געזונד ווערען , וועל איך שוין ניט לעבען מעהר , אַצונד ווען עס ברעכט מיך , ווען עס שטעכט מיך , ווען עס ברענט מיך , ווען עס לאָזט מיך ניט שלאָפֿען , אַצונד איז מיר אַזוי זיס , אַזוי גוט , אָבער ווען איך וועל רוהיג ווערען וועל איך שטאַרבען , פֿאַרשטעהסט ניט שמעון , איך טראָג ביי מיר אין האַרצען אַ זיסען וועהטאָג , וועלכער פֿערסם'ט מיר מיין בלוט און מאַכט מיר גוט ער גנב'ט ביסלעך ווייז אויס מיין געזונד און קיצעלט מיך , ווי אַ וואַרם ווינטעלע , לאָזט מיך , לאָזט מיך זיין משוגע , וואָרום ווען איהר וועט מיך קלאָר מאַכען , וועט איהר אַלע משוגע ווערען , אַלע משוגע , (אָב)

זימאָן : ווער קען פֿאַרשטעהן , וועלכע געפֿיהלע עס הויבען אויף די פֿאַנטאַזיע פֿון דעם קראַנקען מענשען , ביז אין דער העהע פֿון פּאָעזיע , און צומישען זיינע געדאַנקען ביז צום וואַהנזינן . (אויפטריט אלכסנדר , וולאדימיר שיכור) .

וולאַדימיר : דאָס איז די ליעבע , העררי פּראָפֿעסאָר ! די ליעבע גיעט דעם הינקעדיגען לשון , דעם שטומען פּיס , דעם קבצן שטיוועל און דעם רייכען קדחת חאַ חאַ חאַ ! נון , ווי געהט עס העררי פּראָפֿעסאָר ?

אלכסנדר : ווי געהען אייערע געשעפֿטען העררי דירעקטאָר ?

זימאָן : דיינע געשעפֿטען , ווי איך זעה געהען גוט .

וולאַדימיר : נו , זאָגט אַליין , דאַרף מען זיין אַ סטודענט , ער

פאַלט באַלד אַרויס פון די תחתונים און ... הפקר פּעטרושקאַ.

אַלעקסאַנדער: אַגעלערנטער מענש האַלט זיך גרויס, ווי אַ קאַסיר, און געהט באָרוועס, ווי דער דלות אַליין.

וולאַדימיר: דער געבילדעטער מענש רײַסט אַרויף דעם נאָז צום הימעל און פאַרגעסט, אַז ער האָט קיין נאָזטיכעל און די נאָז איז בײַ איהם במחילה ...

זיגמאַז: נו נאַטירליך, שווײַנען וועלכע גראָבען זיך אין מיסט, קענען ניט שעצען דען ווערט פון דיעמאַנטען ... חזירים גראָבט אײַער מיסט (בעז אָב).

וולאַדימיר: ווען איך זאָל זײַן רײַך, וואָלט איך בעצאָהלט אַמיליאָן מיט צוויי מאָל הונדערט טויזענד מען זאָל מיך אין 2 טעג אויס=לערנען אַלע זײַערע חכמות, דאַן וואָלט איך צוגעגאַנגען צו איין געלע=רענטען קענער און וואָלט איהם געזאָגט, הער פּראָפעסאָר! ווײַסט איהר, וואָס עס איז געאָגראַפיע, חבור, חיסור, כפל, אויסטראַליע און נקבים, נקבים, חלולים? — זאָג נור קלוגער זוהן, וויפיעל האָסטו היינט פערשפּיעלט אין ביליאַרד?

אַלעקסאַנדער: ביז אָהן אַ קאָפּיקע, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך קען ניט שפּיעלען אין קאַליאַנקע.

וולאַדימיר: אָבער דו האָסט געזעהען ווי איך שפּיעל אין ביליאַרד? — איך האָב געגעבען אַקנאַק דעם געלען און דער מיט דעם קאַראַמבאָלאַש. חאַ, חאַ, חאַ, — מילאָ עס איז דאָך קיין תכלית ניט אַזוי, מען מוז דאָך זעהן קריגען געלד, דו קוועטש נאָר צו דעם טאַטען און איך וועל מיך נעהמען צו דער מאַמען.

אַלעקסאַנדער: אָט געה איך שוין, פונ'ם גאָרגעל וועל איך בײַ איהם אַרויסרײַסען (לאָזט זיך געהן).

וולאַדימיר: קום נאָר אַהער, אַנו מאַך נאָר פריהער אַ פּראָ=בע, ווי אַזוי וועסטו עס אָפּ אַרבײַטען? (צולעגט זיך אויפ'ן דיוואַן).

אַלעקסאַנדער: טאַטע גיעב געלד, עס שטעהט פאַר צו קויפען אַפּאַרטיע ווײַץ ... וואָס? טאַטע זײַ ניט קיין עזות פּנים און רעד מיר ניט אַנטקעגען, אַרויס מיט געלד!

וולאַדימיר: זעהר גוט, וואָס וועסטו אָבער טהון, אַז דער טאַטע וועט דיך מכבד זײַן מיט אַפּאָר פײַערדיגע פּעטש?

אַלעקסאַנדער: איז טאַקע זעהר שלעכט.

וולאַדימיר: אוי, דו נאַר, נעהמט מען אָן דעם טאַטען בײַ דער האַנד און מען שפּאַרט איהם צו, צו דער וואַנד, און מען זאָגט טאַטע גיעב געלד, אַז ניט וועל איך דיך לערנען ווי מען לערנט אַ טאַטען (לערנט איהם).

אלכסנדר: (שרייט) גיעב געלד, דו אַלטיַיר כל־בוניק, אַז ניט קעהר איך איבער די גאַנצע שטוב מיט'ן קאָפּ אַראָב מיט די פּיס אַרויף, פאַר אוּז טאַטען מורא האָבען? ניט דער לעבען זאָלען מיינע שונאים, גיעב, געלד!.. (עפענט די טהיר שרייט, גיעב געלד, אויפטריט שמואל אַנגעטהון אויף אַוועק צו געהן מיט'ן שטאָק. אלכסנדר שרעקט צוריק).

שמואל: וואָס איז דאָס פאַר אַגעשריי? הא?..

אלכסנדר: וואָס? ווי? וואָס שרייסטו, ווי אויף איין טאַטען? גיעב געלד!

שמואל: ביסט שוין ווידער שכור?! אָט וועל איך דיר באַלד געבען געלד (שלאָגט איהם מיט'ן שטעק'ן) שלאָפען, אַריין שלאָפען!..
(אַלכסנדר שרייענד גיעב געלד, אָב).

שמואל: נו און איהר האָט גאָר ניט. וואָס צו טהון? וואָס האָט איהר אַזוי פריה צו געמאַכט דעם מאַגאַזין?

וולאדימיר: מיר האָבען איהם היינט נאָך גאָר ניט געעפענט, איך האָב ליעב צו קויפען וויין נאָר דאַמאָלס, ווען דער פּרייז שטעלט זיך, איך וואַרט אויפ'ן ריכטיגען פּרייז.

שמואל: קיין אַנדער אָרט האָט איהר ניט, וואו צו שלאָפען ווי דאָ?

וולאדמיר: מאַכט ניט אויס, איך בין אַ פּראָסטער מענש, מעג זיין דאָ.

שמואל: נאָ, געהט אין אייער צימער.

וולאדימיר: אַז מיר אַרט ניט, וואָס אַרט עס אייך?

שמואל: איבער אַזאַ נאַרישקייט גלוסט זיך נישט צו צוקריגען מיט מיין זעלדעטשקע'ן.

וולאדימיר: הכלל מחותן געהט און לאָזט מיך שלאָפען.

שמואל: ווי ער האָט זיך עס צעלייגט, ווי ביי'ם טאַטע'ן אין וואָהנונג, נעהמט אַראָפּ די פּיס! (וואַרפט זי איהם אַראָפּ) שוויין! (קוקט אויף איהם קרום, אָב)

וולאדימיר: דיין גליק, וואָס איך וויל מיך ניט צוקריגען מיט זעלדע'ן, ווייטער וואָלט איך איהם איצט געוועזן פאַרפאָרען אין פּיסק אַריין אַז... איך קען שווערען, אַז די מומע זעלדע האָט דעם אַלטען היהנערפרעסער אַוועקגעשיקט, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז איך בין דאָ, דאָס איז אַ משאָרט ניט קיין יודענע (צולייגט זיך אויפ'ן דיוואַן, אויפטריט זעלדע).

זעלדע: אוי מיין טייערער ביסט שוין דאָ?

וולאדימיר: אוי מיין קאָפּ, איך האַלט עס ניט אויס.

זעלדע: דאָס קעפּעלע טהוט דיר וועה, וויפיעל איך בעט דיך זאָלסט קיין סך ניט טרינקען, וועה מיר פאַר דיין קעפּעלע.

וולאַדימיר: אוי דער קאָפּ! איך שטאַרב!

זעלדע: אַט וועל איך דיר באַנעצען דעם קאָפּ מיט אָדעקאָלאָן, (טהוט עס) נו, ווי פיהלסטו זיך, איז דיר בעסער?

וולאַדימיר: בעסער, בעסער, גייה לאָז מיך צורוה. (גיעבט זי אַשטויס, זי פאַלט).

זעלדע: (אומאַרמט איהם) מיין ליעבער, מיין צוציקעל...

וולאַדימיר: (ווידער אַשטויס) גייה, וואָס מאַכסטו זיך משוגע דו אַלטע בהמה, אויף דער עלטער גאָר!

זעלדע: פאַר וואָס פּייניגסטו מיך אַזוי? (וויינט) דו פיהרסט מיך אַראָפּ פון זינען, דו מאַכסט מיך פערריקט.

וולאַדימיר: נאָ, קום אַהער, איך האָב דיך ליעב, ליעב — זעהסטו דו זאָגסט שטענדיג דו האָסט מיך ליעב, און וואָס מען דאַרף טהון, טהוסטו ניט.

זעלדע: אַזוי גאָר? און דאָס וואָס איז? (צייגט איהם די שליסעל).

וולאַדימיר: וואָס? די שליסעל ביי דיר? אוי, דו גנב, אַהער צו מיר אין מיינע אָרעמ'ס (אומאַרמט זי).

זעלדע: ער האָט באַלד חרטה געקריגען, געוויינט, אָבער די שליסלען זענען ביי מיר.

וולאַדימיר: בראַוואָ! אַזוי האָב איך דיך ליעב, נאָ יעצט פרעהליך... (זעלדע זינגט. ביידע טאַנצען).

אָ דו שענער יונגערמאַן, קום מיט מיר אין סאַד אַריין,
דאָרט וועל איך דיר עטוואָס זאָגען,
וואָס עס וועט דיין שמערץ פערטרייבען, האָפּ... (אויפטריט שמואל).

שמואל: (ערשראָקען) וואָס איז דאָס? (זיי ערשרעקען ביידע און הערען אויף צו טאַנצען) אָבער אַזוי ווי דאָס הערץ האָט מיר געזאָגט, איך זאָל מיך אומקעהרען צוריק, וואָס איז דאָס פאַר אַטאַנץ?

וולאַדימיר: נעהם פאַרטייטש איהם, נעהם איהם אויף זיכער.

זעלדע: וואָס? דו ווייסט ניט וואָס פאַר אַטאַנץ דאָס איז? דאָס איז דאָך וואָס איך פלעג דיר שטענדיג זינגען, אָ דו שענער... א. ז. וו. (נעהמען איהם אַריין אין דער מיט, אויפטריט למך, וועהרענד אַלע טאַנצען).

למך: ער איז ווידער מיט איהר, איך וועל עס ניט איבער-טראָגען, מיין הארץ וועט צעריסען ווערען, מיין קאָפּ וועט צושפּרענגען ווערען, איך וועל משוגע ווערען. (פאַלט)

שמואל: אוי וועה למך איז געפאַלען, (לויפט צו צו איהם. זעלדע וולאַדימיר גאַלאָפּירען שנעל).

פאָרהאַנג פאַלט.

פירסטער אקט.

(עס זעלבע ציםער. שפרה דרעהט=אויף ביידע לאמפע, רוהט.)

שפרה: איהר ווייסט ניט ווער עס האלט מיך דא? דאכט זיך, איך וואלט נאר וועלען, וואלט איך געקריגען א גוטע שטעלע און א מאדאם וואלט איך געהאט איין אמת'ע, ווי גאט האט געבאטען, אבער אז דאס הארץ דערלאזט מיך ניט פון דאנען אוועק צו געהן. אז איך דערמאן מיך, אז דער אלטער נאר וועט דא בלייבען אליין. פער־געהען מיר די זאשפערעס, איך בין ביי איהם איצט גאר ניט, ער אבער דער אלטער שטורמאק איז מיר נאך אלץ טייער, וועה מיר. איך זאל אויף איהם ניט אכטונג געבען וואלט ער דאך געשטארבען פאר הונגער, און ווער דערמאהנט זיך, אז מען דארף איהם געבען וועש? איצט ליגט ער נעבעך איינער אליין, קראנק, שוואך, ווען ניט איך וואלט איהם דאך קיינער אפילו אלעפעל מעדיצין געגעבען. א תל האט זי געמאכט פון איהם און פון זיין געלד. — געלד איז אזא זאך, וואס מען דארף עס היטען, ווי די אויגען אין קאפ (קוקט זיך אום, אויב מען הערט ניט) ביי יעדען געשעפט קען מען קלויבען געלד, אז מען וויל נאר, איך האב נאר 14 אדער 16 יאהר געקליבען, האב איך 103 אדער 113 (נעהמט ארויס פון בוזעם איין טוך מיט געלד) איך קען קיינמאל ניט איבערצעהלען אדער וויל איך שרעק מיך, אדער וייל איך קען טאקי ניט קיין סך צעהלען (בעהאלט געלד) איהר מיינט שכנים ווייסען ניט, אז איך בין א געלד=מענש, זיי ווייסען און רעדען מיר גאנץ שענע שדוכים. אפילו יוסעל דער קוימענקעהרער נאך גאר א יונגערמאן האט מיר שוין אויך א פאר מאל אויסגעשמירט דאס פנים מיט סאזשע, און דאך וועל איך קיינמאל ניט חתונה האבען. קיינמאל ניט אוועקגעהן פון דעם הויז, אוי דו אלטער שטורמאק אויף וועמען האסטו שפרה'ן פארביטען?— מען געהט, (אויפטריט ליזא קאקעטיש געקליידעט).

ליזא: עס פרעהט מיך זעהר, וואס איהר זייט אליין דא שפרה. וואו איז למך? קומט אפט אהער זימאן? אך ווי דאס הארץ קלאפט, איך בין געווען 2 שטונדען ביי דער טהיר געשטאנען, שוין היער איינ־גע מאל געוועזן און דאך האב איך זיך אומגעקעהרט.

שפרה: אוי ליזא, וואס פאר ליגען מען דערצעהלט זיך אן פון אייך.

ליזא: צום אונגליק איז עס קיין ליגען—וואס מאכט למך? רופט איהם אהער.

שפרה: מען הרג'ט איהם ער זאל אהער נישט געהן, ליגט ער גאנצע טעג ביי זיך מיט אפענע אויגען און קוקט, ווי א האהן אין

בני אָדם און ביי אונז איז אלע נאכט שמחה וששון, נאָר ווי אין איין מראַקטיר, אַ גוטע בת־מלכה האָט אונז גאָט צוגעשיקט, אוי רבונו יונה האָסטו נאָך אַ סך אַזוינע (אָב).

ליזא: שוין 3 מאָנאַטע האָב איך איהם ניט געזעהן, למך איז דער איינציגער וואָס וועט זיך מיט מיר ניט שעמען. עס איז דאָ נאָך איין מענש, ווער עס ווירד מיר פאַר־געבען, ווייל ער ליעבט מיך... איך האָב איהם פאַרשטויסען און ער ליעבט מיך דאָך, איך פיהר איין שענדליכעס לעבען, און ער שרייבט מיר אַז ער וועט שטאָלציערען מיט מיר, אוי גאָלדשטיין, מיך זאָ ליעבען איז איינע דומהייט, באַלד וועלען מיר אַלע פעראַכטען און פערדאַמען, — יאָ, איין שענדליכעס לעבען פיהר איך, אָבער וואָס פיר איין רעכט האָבען זיי מיך צו פעראַכטען? האָבען זיי דען ניט אַליין מיך אויף דיעזען וועג געשטאָסען? זענען זיי דען בעסער פון מיר? איז דען איין אַלטער מאַן, וועלכער געהט צו דער חופה מיט איין יונגע כלה בעסער פון מיר? איז דען איינע יונגע פרוי, וועלכע פאַרקויפט זיך פאַר געלד כדת משה וישראל בעסער פון מיר, ווייל זיי טהוען דאָס זעלבע ניט פון נויט און הונגער. נאָר ווייל זיי ווילען זיך פערגניגען פערשאַפען, ווייל זיי טהון דאָס אַלעס ניט עפפענטליך, נאָר אין דער שטיל, ווי גנבים און מערדער?!.. ווער פון איך איז בעסער פון מיר זאָל אויף מיר וואַרפען דעם ערשטען שטיין. (אויפטריט למך קומט אַרויף ציהענדיג אויף זיך אַרעקיל).

ליזא: אוי מיין אונגליקליכער ברודער!

למך: ליזאַ! ליזעטשקע!.. דו ביסט אַרייכע! דו ביסט אונגליקליך! איך זעה און פיהל — און וואו איז ער?

ליזא: ווער?

למך: וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, אוי איך האָב שוין פאַרגעסען — הערסט ליזאַ, איך בין איצט אַליין דאָ, שמעון איז אַוועק פון דאַנען, אַלכסנדר איז געוואָרען איין אמת'ר אידיאָט און דער מוה־מעס זוהן ווע‍לוועלע איז אַ גנב. הערסט ליזאַ, ווען איך ליעג ביי מיר אין אַלקער און הער ווי דער טאַטע געהט צו די מאַמע ציעהט עס מיך, ווי מיט אייזערנע שטריק, אַז איך זאָל געהען שלאָגען דעם טאַטען, און זיי שמייסען מיך דערפאַר מיט'ן קאַנטשיק — זיי מיינען אַז איך מאַך זיך משוגע, ווי איך בין אַ יוד, איך מאַך מיך נישט, איך בין טאַקע משוגע געוואָרען, און בייגאַכט ווייזט זיך מיר אויס אַז דו וויינסט, הערסט ליזאַ... אוי וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען?.. איך האָב ווידער פאַרגעסען.

ליזא: דאָך איז ער גליקליכער פון מיר, ער קען פערגעסען, אָבער איך קען ניט פערגעסען מיין שאַנדע, שמאַך!

למך: דו האָסט יסורים ליזאַ, דיין האַרץ טהוט דיר וועה?

ליזא: דו ביסט דער איינציגער צו וועמען איך קאן קומען און אויסוויינען מיין ביטער הארץ.

למך: נארעלע, וואס קען דיר א אידיאט העלפען? שש... הערסט? זי געהט, איך הער איהרע טריט, קום אוועק, איך וויל ניט דו זאלסט זי זעהען, קום (שלעפט איהר).

ליזא: וואס איז מיט דיר? וואס שרעקסטו זיך?.. (ער שלעפט איהר, ביידע אב. אויפטריט וולאדימיר, זעלדע מיט איינקויפע, 2 פלעשער וויין).

זעלדע: האסט גאר ניט פארגעסען, אלעס איינגעקויפט?

וולאדימיר: (שטעלט אלעס אוועק אויפ'ן טיש). אט די פלאש ראם בעהאלט, פונש וועלען מיר טרינקען שפעטער, די חזרים לאקשען אלעס אויס אויף איינמאל און דערנאך שרייען זיי אז זיי פגר'ן פון דארשט.

זעלדע: זעה נאר דו גנב, עס זאל היינט זיין פרעהליך, היינט וועט אונז קיינער ניט שטערען, דער אלטער ליעגט דארט און קרענקט נעביך... (צוויקעלק דאס פאפיער). לאמיך נאר זעהן, וואס האסטו דארט געקויפט. וואס איז דאס?.. טריפה קאלבאס?! ווילסט מיר טרייף מאכען דאס גאנצע געשיר?! דאס וויל איך ניט.

וולאדימיר: פרומע יודענע מיינע פאר טריפה'ן קאלבאס האסטו מורא און ... הפקר פעטרושקא...

זעלדע: וואס האט איינס צום אנדערן, וואס צו גאט איז צו גאט, וואס צו לייט איז צו לייט.

שמואל: (קרעכצט הינטער דער פיהנע) זעלדע! זעלדע

זעלדע: א דער אלטער ביל עפעס—שפרה! שפרה! געהט נאר זעהט, וואס דער אלטער וויל, (אויפטריט שפרה).

שפרה: מאדאם, האט איהר ניט געזעהן דעם קאלאדאטש, איך האב מיר שוין דעם קאפ פארדרעהט זוכענדיג דעם קאלאדאטש.

וולאדימיר: קאלאדאטש. וואס איז דאס פאר א מין פרי? וואס פאר א ברכה מאכט מען דעריבער?

שפרה: ביי אייך דייטשען רופט מען עס אנדערש און ביי אונז איז דאס א פשוטער קאלאדאטש, דאס איז א געשיר, וואס מען קען מיט איהם ניט נור פלייש האקען, נור אפילו די ביינער ברעכען אויך. (קרום קוקענד אויף זיי ביידע, אב).

זעלדע: (וויקעלט אויף דאס פאפיער). וואס איז דאס? קארטען,— זעהסטו, אט דאס איז ביי מיר נאך טריפה'ר, ווי חזיר, איהר וועט זיך היינט באגעהן אהן קארטען.

וולאדימיר: מאדאם, לעג אוועק די קארטען, וואס מיינסטו ס'איז הפקר פעטרושקא.

זעלדע: אַז איך זאָג ניין, איז ניין.

וולאַדימיר: אַקליינינקייט, אַז זי זאָגט ניין, איז נאָר איין עק פון די חאַליעוועס, הכלל גיעב אַהער די קאָרטען.

זעלדע: (וואַרפט בעז די קאָרטען אויף דער ערד) נאַ, דו שלעכטער מענש!

וולאַדימיר: זייט מוחל מאַדאַם און הענט זיי אויף.

זעלדע: הייב זיי אַליין אויף.

וולאַדימיר: הייב אויף זאָג איך, וואָרום ביי מיר, ווייסט דאָך איזט הפקר פעטרושקאַ...

זעלדע: (הייבט אויף) נאַ, אָבער וועסט געדענקען. (עס הערען זיך שטימען) אָ, די חברה קומען, (אויפטריט אַ ל כ ס נ ד ר, 4 זשוליקעס).

אַלע: אָ זעלדע! וולאַדימיר! קאַק זדראָוויע (געבען זיך די הענד).

וולאַדימיר: נאָ חברה, די טישען זענען געגרייט, די קאָרטען צולייגט, די פלעשער אויפן טיש, לאָמיר זיך זעצען דאַוונען. (גיסט אָן וויין).

זעלדע: דו זאָלסט ניט טרינקען, וואָרום אַז דו טרינקסט אַ סך פערטרינקסטו דעם שכל.

וולאַדימיר: וויל איך דוקאָ, דיר אויף צו להכעיס, נאַ זדראָוויע גאָספאָדאַ (מען טרינקט).

אַלכסנדר: גאָספאָדאַ לאָמיר זיין געזונד, קיינער קען ניט אַראָפּשלינגען, אַזוי ווי איך. און טרינקען אַזוי פיעל קען אויך קיינער ניט ווי איך. נעכטען האָב איך אויסגעטרונקען 17 גלעזער ספירט, טאַקע פיינעם ספירט, ווי איך בין אַ יודיש קינד אָט פרעגט וולאַדימיר'ן, ער איז אויך געוועזן דערביי.

וולאַדימיר: איך בין טאַקע געוועזן דערביי, נאָר דו ביסט ניט געוועזן. ברודער אַלכסנדר!.. האָסט נאָך אַפּאָר ליגען, וואַרף אַרויס פונ'ם אַרבעל.

זעלדע: נאָ זינגט איצטער לאָז ווערען פרעהליך.

וולאַדימיר: דאַ זאַפּאַיאָם טשטאָ ניע בודיעט (אַלע זינגען: „וועראָנישקאָ" נעהמען זיך אַרום טאַנצען, אויפטריט ש מ ו א ל קראַנק מיט אַ שטעקען, אין האַלאַט).

שמואל: שאַ! וואָס איז דאָ פאַר אַליאַרם? איך בין קראַנק, איך קען ניט אַנטשלאָפען ווערען.

וולאַדימיר: זייט אייך קראַנק געזונדערהייד. ווער טשעפעט אייך? און אַז מען קען ניט אַנטשלאָפען ווערען דעקט מען זיך איבער מיט אַ קאָלדערע איבער'ן קאָפּ און מען שוויצט.

אַלכסנדר: עס איז שוין פאַרביי די צייט, ווען אונזער שטוב

איז געווען ווי אַ גרוב, וואָס קיין לעבעדיגער מענש האָט ניט געוואָלט אַריין געהן, דו האָסט דיין לעבען פאַרבראַכט ווי אין קברות מאַן מיט טויטע, און מיר ווילען זיין לעבעדיגע יונגען.

שמואל: דו שנאַץ, דו שכור'ניק, איך נעהם מיין שטעקען..

זעלדע: ע, ע! צוהיץ דיך נור ניט, די געסט זענען מיינע געסט און איך ערלויב ניט זיי צו בעליידיגען, וואָס געהט עס דיך אָן, וואָס מיינע געסט טהוען?

שמואל: איינלאַדען געסט ווען דער מאַן ליגט קראַנק? זינגען און לאַכען, ווען איך ליעג דאָרט אין דער פינסטער און פאַרשעלט דעם טאָג וואָס גאָט האָט די וועלט בעשאַפען?!

זעלדע: וואָס זשע האָסטו געוואָלט איך זאָל זיצען נעבען דיר און קלאָגען אויף מיינע יונגע יאָהרען, אָדער איך זאָל געהן מיט דיר לעבעדיגערהייד אין דער ערד. איך בין נאָך יונג, איך וויל נאָך פאַר-ברענגען אַפּאָר שעה מיט יונגע לייט.

שמואל: איך הייס דיך דען קלאָגען און וויינען? פאַרקעהרט נאַרעלע איך וויל אויך מיט אייך אַביסעל פערברענגען, איך בין נאָר אַרויס אַהער איז מיר שוין פיעל בעסער, גיעבט מיר אויך, איך וויל אויך טרינקען אַביסעל.

וולאַדימיר: סעניע, טראָג איהם צו אַ גלעזעל בראָנפען.

איינער: (טראָגט צו) פיי בראַט! (גיעבט איהם אַ קלאַפּ אין דער פלייצע, שמואל פערקריכט זיך).

שמואל: (טרינקט). אַזוי, אַנדערע יונגע לייט מעגען זיך ביי מיר נאָך לערנען ווי פרעהליך צו זיין.

זעלדע: וואָס דען, איך ווייס דען ניט?

אלכסנדר: זנאַיטע גאָספּאָדאַ, דאַוואַיטע זאַיגראַיעם אָוו זשמורקי.

זעלדע: אין בלינדזיקייט? ווער וועט בלינדזען? (וולאָדימיר רופט זעלדע, ראָמט זי איין אין אויער, צייגט אָן אויף שמואל). אוי זעהר גוט, אַנו אַלטעטשקער, קום וועל איך דיר פאַרבינדען די אויגען וועסטו מיך האַפען. (זי וויל איהם פאַרבינדען).

שמואל: ניט, ניט מיין קעצעלע לאָז אָב

זעלדע: נישקשה, נישקשה, וועסטו זיך אונטערהאַלטען, פרעה-ליכער ווערען! פאַרבינד איהם די אויגען, אַלע לאַכען, וואַרפען איהם. אויפטריט ליזאַ, למך).

איינער: אָ, פּאַשקאַ איז דאָ פאַשקאַ! (אומאַרמט ליזאַ),

למך: געה אין דער ערד אַריין (ניט איהם אַוועק פון איהר)

אלע: אָ פאַשקאַ פאַשקאַ!

שמואל: ווער איז די פּאַשקאַ? בינד מיר נאָר אויף די אויגען, לאָמיך זעהן, וואָס איז דאָס פאַר אַפּאַשקאַ (זעלדע בינדט איהם אויף) ליזאַ! אונזער ליזאַ! וואָס זשע ווייסטו? דיינע געשעפטען זעה איך געהן גוט בּיסט אַזוי יום טוב'דיג געקליידעט.

למך: טאַטע, אַ יאָה אַז ליזאַ ווײנט זעהט זי אוים אַקוראַט ווי די מאַמע ע"ה. טאַטע, דו געדענקסט, אַז דו פלעגסט די מאַמע שלאָגען אָבער שעלטען האָט זי אויך אַזוי געוויינט.

ליזאַ: בּיי מיר איז איצט אַלע טאָג יום טוב גראַדע ווי בּיי אייך. מיינע געשעפטען געהן גראַדע ווי בּיי אייך, נור איהר שפּיעלט אין בּלינדיקייט מיט פערבּונדענע אויגען און איך מיט אָפענע... אייער ציעל איז ערדיילכט, איך געפין יעצט מיטעל צום לעבען...

וולאַדימיר: יאָ מחותּן זי פערדיענט כשר איהר ברויט (רוימט איהם אין אויער).

שמואל: וואָס רעדסטו?!

וולאַדימיר: ס'איז הפקר פּעטרושקע

שמואל: מיין טאָכטער אַ בּעל-בּתיש קינד!..

ליזאַ: איהר קענט רוהיג זיין איך וועל אייך אייער גליק ניט שטערען איהר זענט נאָך אַ יונגערמאַן, איהר אַמיזירט אייך מיט יונגע-לייט. איך אָבער האָב שוין מיין לעבען אָפּגעלעבט, איך בּאַקלאָג מיך ניט און פאָדער פון אייך גאָר ניט, פאַר מיין לייכטזין וועל איך אַליין בּעצאָהלען.

אַלכּסנדר: אויף דיר ליזאַ, האָב איך מיך ניט גערעכט, פאַר וואָס בּיסטו צו מיר ניט געקומען (געהט צו צו איהר).

למך: (גיעט איהם אַ וואָרף) געה אין דער ערד אַריין! אָהן דיר איז איהר אויך גענוג בּיטער.

שמואל: שאַנדע! שאַנדע! אַלע האָבען מיך געקענט פאַר אַפיינעם בּעל הבּית.

ליזאַ: יאָ שאַנדע, אָבער ניט פאַר אונז. — אַ שאַנדע פאַר די, וועלכע צווינגען אונז צו פיהרען זאָ איין לעבען, אַ שאַנדע פאַר די וועלכע שטויסען אונז אין דיעזען אָבּגרונד, שאַנדע פאַר דער געזעלשאַפט, וועלכע פאָדערן זאָלכע שרעקליכע אָפּפער (למך וויינט) וואָס וויינסטו? גליקסליכסטער מענש פון אונז אַלע! דו ווייסט דאָך פון קיין שאַנדע.

זעלדע: בּלייב דאָ ליזאַ לאָמיר לעבען אין פריעדען.

ליזאַ: בּלייבען דאָ אום איהר זאָלט קענען יעדע מינוט מיך דערמאָהנען, וואָס איך בּין אַמאָל געווען? דאַנקע!

שמואל: אַ שאַנדע אין אונזער משפחה.

זעלדע: איי, איי, וואָס דאַרט טהוט זיך, עס טרעפט זיך

אַזעלכע זאַכען הלואי עס זאָל זיך ניט טרעפען, האָסט געזעהן אַ אונגליק?

ליזאַ: יאָ, יעצט איז נאָך פאַר אייך קיין אונגליק, דאָס אונ־גליק וועט נאָך קומען, ווען איך וועל פאַלען נאָך ניעדריגער. ווען מיין האַרץ וועט צוריסען ווערען אויף שטיקער, ווען מיין שאַנדע און שמאַך וועלען פאַלען אויף אייערע קעפּ, ווי שווערע שטיינער. פלוך! פלוך! (אָב)

שמואל: (לויפט איהר נאָך) ליזאַ! ליזאַ! (פאַלט געבען טהיר, זעלדע מיט וולאַדימיר הייבען איהם אויף).

זעלדע: נו, וואָלט ניט בעסער און געזונטער געווען ליעגען רוהיג אין דיין צימער, ער מיינט מען פאַרגינט איהם ניט, וואָס קען מען זיך העלפען, אז עס איז נישטאָ קיין כח.

וולאַדימיר: אונזער יונגערמאַן מיינט נאָך אַלץ עס איז הפקר פעטרושקאַ (ביידע פיהרען איהם אָב).

אלכסנדר: זי איז געוועזען אונזער אייניציגע שוועסטער, אונזער מוטער אונזער פריינד. מיר זענען אַלע געוועזען בעל־בתישע קינדער, ווי אַזוי האָט זיך אַלעס איבערגעדרעהט... עך, דאַוואַי וואָדקאַ בראַט...

זעלדע: (זעלדע מיט וולאַדימיר'ן קומען צוריק) שש.. שרייט ניט איהר מיינט מיין הערץ טהוט מיר ניט וועה, אַזאַ יונג קינד... איך מוז אַזש מאַכען אַ קנאַק (טרינקט).

וולאַדימיר: אָה למך איז אויך דאָ, ער וועט אונז אַמיזירען — דער היינטיגער לעקעך און בראַנפען איז עפּעס נישט קיין געראַטענער (נעהמט אַ גלעזעל פון טיש) למך טרינק בראַנפען.

למך: בראַנפען איז ביטער גיעב מיר וויין.

וולאַדימיר: גיעט איהם וויין — גיעט איהם אַ האַלבע גלאָז בראַנפען אַ האַלבע גלאָז וויין, מאַכט איהם אַגאָגעל־מאָגעל (עס געשיהט) טרינק, למך!

למך: פע, עס האָט אַטעם פון חזק (שפייט).

זעלדע: איי לאָזט איהם צורוה—וועה מיר, איך טאָר גאָר אויף איהם ניט קוקען...

וולאַדימיר: נאָ קום אַהער צום טיש למך—מאַכט איהם אַ טרונק

זעלדע: (שאָקעלט זיך) וואָס איז מיט מיר? איך בין אַזוי גיך שיכור געוואָרען, אוי עס איז מיר עפּעס...

וולאַדימיר: נאָ נעה, געה לעג דיך שלאָפען (זי לעגט זיך אויפ'ן דיוואַן) נאָ טרינק למך.

אלכסנדר: טרינק למך, אַז מען איז שיכור פערגעסט מען אָן אַלעם.

למך: אוועק פון מיר אידיאט, איך האב דיך פיינט ווי א קאנט־שיק (טרינקט, גלע טרינק).

וולאדימיר: נון גאספאדא זינגט און למך וועט טאנצען (זיי זינגען שטופען למך'ן פון איינעם צום 2־טען ער וויינט).

למך: (רייסט זיך ארויס) פאר וואס שלאגט איהר מיך וואס זענט איהר אנגעפאלען אויף מיר, ווי א מטארע בייזע הינד אויף אקליינטשיק הויז'ל, איהר מיינט, אז מען שלאגט מיך טהוט מיר ניט וועה?! ביי מיר איז אויך אזא פלייש ווי ביי אייך... איהר מיינט, אז מען לאכט פון מיר פערדריסט מיך ניט?.. איך האב אזעלכע אויגען, אזא נאז, ווי אלע. איהר מיינט אז מען בעליידיגט מיך טהוט מיר ניט וועה דאס הערץ? — איך עס און שלאף ווי יעדער מענש. זעהט איך ווין מיט זאלכע טרעהרען, ווי איהר. וואס האט איהר מיר גענעבען צו טרינקען? ווא... (וויינט, מען קלאפט).

וולאדימיר: מען קלאפט שוין צו סליחות, ווער קלאפט דארט? אז קלאפען זאל אייך אין קאפ. (למך אב, מאכענד מינע, אויפטריט זימאן מיט קאמעראדען).

זימאן: וואו איז מיין שוועסטער? (טרייסעלט וולאדימיר) וואו איז מיין שוועסטער?

וולאדימיר: עה, העד פראפעסאר שאקעלט ניט, וואס מיינט איהר ס'איז הפקר...

זימאן: וואו איז ליזא? איזט זי פיעלייכט ביים פאטער?

וולאדימיר: געהט זוכט זי (זימאן אב) אט האסטו דיר גאט האט אונז געוואלט פארשטערן די שמחה האט ער אויף אונז אנגעשיקט פרעה'ס מכות, זשאבעס, סטודענטען און מכות בכורות.

זימאן: (קומט צוריק) דארט איז זי ניטא. קומט קאמעראדען, פון אונטער דער ערד מוזען מיר איהר געפינען. אבער וואס טהוט איהר דא? וואס איז דא פאר א ליארם וועהרענד דער ווירטה פאם הויזע איז זא קראנק.

אלכסנדר: (שטארק שכור) ניט דיין טאטענס עסק.

זימאן: קאמעראדען מיר מוזען צוערשט ריין מאכען דאס צימער פון דיעזען שמוץ — פארט פאן היער (די סטודענטען ווארפען ארויס די זשוליקעס) נון און איהר! (צו וולאדימיר'ן) מארש פון היער (נעהמט איהם אן ביים קאלנער).

וולאדימיר: עה הער פראפעסאר מיך ווארפט מען ניט איך געה אליין. (אב)

זימאן: און דו לומפ (וועקט אלכסנדר) פאק דיך ארוים!

אלכסנדר: (פערשלאפען), פאסטוי בראט, איך...

זימאן: געה אין דער ערד אריין (ווארפט איהם ארוים, ער מיט סטודענטען אב, אויפטריט שמואל).

שמואל: וואס איז דא געוועזן פאר אליארם, וואו איז זעלדע? איז זי מיט אימיצען אוועקגעגאנגען? ווי א דונער האט מיך דער געדאנק א האק געטהון אין קאפ אריין.—א דא איז זי מיין קעצעלע, האט זיך אנגעשטיפט און אנטשלאפען געווארען ווי א קינד. וואס האט ניט קיין זארגען. וואס טהוט זיך דא! א הל פונ'ם מעבעל, א תל פונ'ם אלעם, איך וואלט נאר געוואלט וויסען אויף וועמעס חשבון פרעסט מען עס אזוי פיעל, וועה מיר, עס קען זיין אז דאס מאכט מען א תכלית פון מיין געלד. אוי דו אלטער נאר! וואו איז דיין שכל, דיין פערשטאנד? וואו איז אהין געקומען שמואל לייבליך? אזוי מיאוס, אזוי נאריש זיך איבערגעגעבען אין גאנצען א יודענע אין דער האנד אריין. איך וויים דאך, אז עס איז געשריבען „והוא ימשול בה" ער זאל הערשען איבער איהר. נור איך קען ניט, איך קען ניט—וויפיעל ווייז עס איז געבליעבען!—ווײן גיט צו קראפט (טרינקט, די האנד ציטערט) און דא שלאפט מיין פייגעלע, שלאפט זים, געשמאק.— זעלדע!.. זעלדימשקע!.. געה שלאפען אויף דיין געלעגער. זעלדעמשקע קעצעלע, געה שלאפען.—זי הערט ניט. אוי איך זאל זי קענען אויף מיין האנד אויפהייבען און זי אוועקטראגען, (וויל עס טהון, האפט זיך צוריק) ניין, איך וויל ניט שטערען איהר זיסען שלאף (דרעהט אראב די לאמפ, טהיט אוים דער חאלאט און דעקט זי צו), שלאף געזונד, א גוטע נאכט (לאזט זיך געהן, בלייבט שטעהן). פאר וואס איז מיר היינט אזוי שווער פון איהר זיך אפצושיידען (וויל צוגעהן) ניין, ניין, גוטע נאכט! א גוטע נאכט! (אב. אויפטריט למך אין הצמד זעהר אויפגערעגט, קוקט אויף זעלדען זעהר לאנג, ווארפט האסטיג פון איהר דעם מאנטעל אראב).

זעלדע: (ווארפט זיך פון שלאף) אוי, ווי היים... (לאזט אראפהענגען די האנד).

למך: עס ברענט, עס קאכט, עס זיעדט, עס פייערט, עס פלאמט, אבער איך וויל נישט לעשען דעם פייער, עס געפעלט מיר, עס איז גוט לאז ברענען!.. איך בין נאך קיין מאל ניט געשטאנען אזוי נאהנט נעבען א פרוי (נעהמט אן איהר האנד) מיינע נאר מיינע... א דער קאלאדאטש, ער ליעגט ביי מיר אונטער'ן קאמאד.

זעלדע: (ווארפט זיך, וויינט פון שלאף) א. א. א...

למך: קומט צוריק מיט'ן מעסער, (נעהמט אן איהר האנד) ווי וויים, ווי וויים איהר האנד איז, אבער דאס מעסער איז נאך ווייסער (פויזע). א! די טהירען! ניין, דו וועסט ניט אריין קומען... אליין... אליין בלייב איך מיט איהר, (פעריגעלט די טהירען) נור זיי קומט אלסדינג, איך וויל אויך עס זאל מיר זיין גוט, (שלעפט זי אראפ ביי די פים) שטעהט אויף דער שלאף איז געענדיגט, די צייט איז געקומען!

זעלדע: (פערשלאָפען) אוי מיין לי... אַ דאָס ביסטו למך?

למך: יאָ, דאָס בין איך, שטעהט אויף!

זעלדע: וואָס שטעהסטו עפּעס דאָ נעבען מיר.

למך: איך וויל דיר דערהרג׳נען.

זעלדע: אַ... וואָס פאַר אשרעקליכער גזלן דו ביסט, פאַר וואָס ווילסטו מיך הרג׳נען?

למך: איך וויל זעהן, ווי דיין וואַרם רויט בלוט וועט פליעסען פון דיין וואונד, (חאַפּט דעם מעסער) שטעהט אויף!

זעלדע: אי! אַ מעסער? (פּאַקט איהם ביים האַנד), וואָס ווילסטו מהון למך, לאָז מיך.

למך: ניין, איך מוז דיך דערהרג׳נען, די מהירען זענען פער־שלאָסען, קיינער איז ניטאָ, דו וועסט שוין פון מיר ניט אַוועקגעהן, מיר וועלען שוין בלייבען אין איינעם.

זעלדע: (שרייט) רעטעט! געוואַלד, רעטעט!..

למך: (פאַרשטאָפּט איהר מויל) שרייט ניט, דאָ דאַרף זיין שטיל אַזוי ווי אין אַ קבר!..

זעלדע: (קניענד) לאָז מיך למך... דו ווילסט מיך טייטען... ווייל איך בין געווען שלעכט געגען דיר?.. איך שווער דיר, אַז פון היינט אָן וועל איך דיר אָבהיטען, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, איך בעט דיך.

למך: מען דאַרף למך׳ן ניט בעטען. למך ווייס, וואָס ער דאַרף און וואָס ער מוז מהון.

זעלדע: דו ווילסט ראַכע נעהמען פאַר דיין פאָטער? פאַר דיין אונגליקליכע שוועסטער?.. איך שווער ביי גאָט, אַז פון היינט אָן וועל איך אייך אָבהיטען, ווי אַ טרייע מוטער...

למך: כ׳ווייס ניט פון ראַכע, איך וויל דיר הרג׳נען, ווייל איך וויל זעהן דיין בלוט, וואָס רייצט מיך, וואָס ברענט מיך, וואָס מאַכט מיך משוגע, וואָס צודולט מיר דעם קאָפּ.

זעלדע: האָב רחמנות למך אויף מיינע יונגע יאָהרען, איך וועל דיר פערטרויען אַ סוד, — איך פיהל אונטער מיינעם הארצען וואַרפט זיך איין אונשולדיגעס געשעפּף, ווילסטו 2 נפשות ערמאָרדען, למך! פאַר וואָס ווילסטו פאַרגיסען אונשולדיג בלוט?

למך: אי בלוט! בלוט!.. (וואַרפט זיך אויפ׳ן דיוואַן און שטעכט איהר אריין דאָס מעסער).

זעלדע: אַה! אַה!.. (שטאַרבט).

למך: (ווישט אָב אָן העמר די הענד און דאָס בלוט פון מעסער), איך האָב התונה געהאַט... עס איז מיר גוט... אַ שטיין איז מיר אַראָב

פון מיין הארצען. (מען קלאפט) א זיי געהען אהער, זיי ווילען איהר ביי מיר צונעהמען, זיי ווילען איהר ווידער אפגעבען דעם אלטען אונגליקלי־כען טאטען, ניין, ניין! (חאפט איהר ארום און שלעפט איהר ביז אין דערמיט פון דער ביהנע) זי איז מיינע, זי איז מיינע, מיין כלה... (פאלט מיט'ן מעסער גראדע ווי ער וויל אימיצען ערשטעכען).

פארהאנג פאלט.

פינפטער אקט.

סצענע אויף דער סצענע, קאפע־שאנטאן, באר, זימאן, גאלדשטיין (פערקליידעטע ווירטהין).

באר: (זינגט...) („Наступила на ногу"), איינער אויף דער קליינער סצענע טאנצט, אויפטריט וולאדימיר, אלכסנדר).

וולאדימיר: (צו אלכסנדר) אט דא לאמיר זיך פארשטעלען פאר איטאליענער זענגער, אפשר וועט מען אונז ערלויבען צו זינגען וועט ארויס עטליבע קאפיקעס.

אלכסנדר: דו קענסט דען איטאליעניש?

וולאדימיר: וואס ארט דיך ס'וועט שוין ארויס א מין איטאל־עניש. — מאדאם, מאיע פאטשטעניע! וויר זינד בעריהמטע איטאליענישע ארטיסטען, יעצט זענען אונזערע אומשטענדע ניט אזוי גלענצענדע, ער־לויבט אונז צו זינגען א איטאליענישען דועט, אפשר וועלען אייערע געסטע אונז בעפרידיגען.

ווירטהין: ווען די געסט האבען נור ניט דאגעגען ווארום ניכט?!

וולאדימיר: איך דאנקע! — (צו אלכסנדר) הוסט דיך אויס! (זינגט):

יאסאנא באסא, אביסעל נאסא, פון וואנען קוואסא.
אוי, און וואלגערן זיך אויף דער שטראסע, א די יא...

ביידע: א... דער מאגען איז ליידיגוניו,
שענקט א בולקוניגיו א.

אלכסנדר: (געהט צום טישעל וואו גאלדשטיין, זימאן זיצען) שענקט עפיס ארעמע ארטיסטען.

גאלדשטיין: פאק דיך פארט, הונקא!

אלכסנדר: (צו זימאן) שענקט עפיס ארעמע ארטיסטען.

זימאן: מארש, צום טייוועל!

וולאדימיר: (וועלכער איז געוועזן ביז יעצט ביי א אנדער טישעל)

וואָס? אַזוי בעהאַנדעלט איהר איטאַליעניש ארטיסטען (וויל צוגעהן נעהנטער, גאָלדשטיין (ווירטהין) שטעלט זיך אַקעגען).

ווירטהין: מאַרש צום טייפעל, איך ערלויבע ניט מיינע געסט צו בעליידיגען און ביי מיר אין הויז סקאַנדאַלען צו מאַכען.

וולאַדימיר: יאָ, דראַנג, וואוהין דו קעהרסט זיך געהט דיר שלים שלימזול.

אלכסנדר: וואָס בין איך שולדיג, ווי איך בין א יודיש קינד... לאָז מיר נור צו וועסטו זעהן... (וויל צוגעהן, גאָלדשטיין שטויסט איהם אָפּ און ווארפט איהם אַרויס).

פאָרהאַנג פאַלט.

פערוואַנדלונג.

צימער ביי לייבליך, וולאַדימיר אלכסנדר.

וולאַדימיר: נאָ חאַלאַנדריאַ אין דער ערד ביסטו, דאָס האָסטו שלים־שלימזול, מיר זענען צוגעקומען צום טראַקטיער לאָזט מען אונז גאָר ניט אַריין. קום אַ העער, הער אויס, דאָ מוזען מיר בלייבען, דאָ אין שטוב איז אונזער גאולה. און ווייסטו ביי וועם? ביי שפרה'ן אין בוזעם, (אויפטריט שפרה, הערט זיך אונטער).

אלכסנדר: פאַר דיר איז עס אָפּשר אַ גאולה ניט פאַר מיר.

וולאַדימיר: פאַר אונז ביידען. — ביי שפרה'ן אין בוזעם ליגט אשמאַטע.

אלכסנדר: וואָס זשע ווילסטו ווערען אַ פּאָדריאַטשיק פון שמאַטעס?

וולאַדימיר: איי ביסט אַ דראַנג, אין דער שמאַטע ליגט אַ גאַנצער פּאַק מיט געלד. — איינס פון די ביידע, אָדער איך שטעל מיט איהר אַ חופּה אָדער איך פאָהר איהר מיט דער האַנד גלייך אין דער גאולה אַריין, פערשטעהסטו (שפרה צייגט דעם נאָז, אָב).

אלכסנדר: אוי ביסטו אַגנב איך זאָג דיר דו ביסט נאָך געוועזן אַגנב ביי דיין מאַמען אין בויך. (פייפט, אויפטריט שפרה מיט אַ שטעקען).

שפרה: ווער פייפט עס? איהר ווילט צונויפרופען אַלע רוחות איהר דאַרמאָיעדניקעס, וויפיעל מען טרייבט אייך און איהר קריכט אַלץ אַהער.

וולאַדימיר: אוי מוהמע שפרה, עס ציהט מיך צו אייך ווי צו אַמאַגנעט, טייערע מומעניו, נעהמט מיך ווי איך געה און שטעה און פיהרט מיך צו דער חופּה, איך וועל לויפען ווי אַ הונד, וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ שטריק, פרעגט אַלכסנדר'ן ער ווייסט אויך.

אלכסנדר : אמת , ווי איך בין איודיש קינד .

שפרה : אזוי ? אחופה ווילט איהר שטעלען ?! אט האב איך אייך געבראכט חופה=שטעקענס , נאט אייך (שלאגט מיט'ן שטעקען) .

ביידע : הערט אויף מוהמע שפרה... (זי שלאגט זיי , אלע אב אויסטריט שמואל מיט אליכט) .

שמואל : עס איז שוין אזוי פיעל חדשים אוועק פון יענער שרעקליכער נאכט און איך האב נאך אלץ מורא צו געהן אהער אהן א ליכט. אזא צייט איז פארביי געלויפען און איך קען מיך אלץ ניט בערוהיגען מיט אשרעקליכער וואונד אין הארצען בלאנדזע איך ארום אין די לאנגע נעכט אליין עס איז פוסט , וויסט . פינסטער. דא איז מיין ארעמע קאסע , דא ניט לאנג זענען דא געלעגען מיינע טויזענדער , און איצט וואלט איך געשטארבען פאר הונגער , ווען שפרה זאל מיך ניט אונטער=שטיצען . וואו איז מיין געלד ? וואו איז מיין רייכטהום ? ניטא , פוסט לעער , נור איהר שיכעלע , איהר טייערע שיכעלע איז מיר געבליבען (נעהמט ארויס פון בוזעם א שיכעלע, קושט עס) . ניין , ניין גאטעניו איך וויל ניט זינדיגען (בעהאלט עס אין בוזעם צוריק) . אט דאס תהילימ'ל איז מיין איינציגער טרייסט , איין בלעטעל איז דא ניט דא , וואס זאל ניט זיין אויסגעווייגט פון מיינע טרעהרען, גאנצע נעכט שעפטשען מיינע ליפען דאס 77 טע קאפיטעל און קיין הילף שיקט גאט ניט . „קולי אל אלהים“, איך הייב אויף מיין שטימע צו גאט און בעט „ביום צרותי“, אין דעם טאג פון מיין אונגליק פארשטייה איך דיך גאט .— גאנצע נעכט גיעסען מיינע אויגען טרעהרען און הערען ניט אויף , מיין זעעלע וויל זיך ניט טרייסטען, און איך דערמאן מיך גאטעניו און איך יאמער, מיין זעעלע געהט אין מיר אויס „הלעולמים יזנח ד'“ , האט דען גאט מיך אויף אייביג פערלאסען , (מורמעלט ווייטער , אויפטריט למך אין שפיטאל=קליידער , מאגער , בלאס) .

למך : (קוקט אן די שטוב) . איך בין געקומען אהיים . ערשט ניט לאנג האב איך מיך דערמאנט , אז איך האב אהיים , האב איך שוין דארט ניט געקענט בלייבען . זיי האבען מיך געהיט , האב איך מיך ארויסגענאנבעט אויפ'ן דאך , האב מיך אנגעחאפט אן דער רינווע און בין ארוב געשפרונגען און בין געקומען אהיים — יא דאס איז מיין היים — אוי וואס פאר אלאנגער און שרעקליכער חלום דאס איז געוועזן , וואסערע שלעכטע חלומות עס האבען זיך מיך געחלומט , יעצט איז אלסדינג פארביי .— טאטע , וואס ווילסטו ? טאטע !

שמואל : (הייבט אויף דעם קאפ שרייט ערשראקען) . אוי ! (למך אויך ערשראקען לויפט אן אזייט) . דאס גאנצע בילד ווידער פאר מיינע אויגען , זי ליגט אטויטע און שווימט אין איהר בלוט און ער ... — אוועק פון מיינע אויגען , איך וויל דיך ניט זעהן , איך קען דיך ניט זעהן . (קארטשעט זיך צוזאמען פערשטעקט דעם קאפ אין תהילים) .

למך: מאַטע! אוי טאַטע! וואָס ביסטו געוואָרען אַקליין מענשעלע? (אויפטריט וולאדימיר, אלכסנדר).

וולאדימיר: קום אַהער, שנעל לעג דיך אויף אַלע פיער און אַז זי וועט אונז נאָכלויפען וועט זי זיך איבערקערען און פאַלען, וועל איך איהר פאַרפאָהרען גלייך אין בוזעם און וועל אַרויסרייסען די שמאַטע, זי קומט לעג דיך (געשיעהט אויפטריט שפרה).

שפרה: איך וועל אייך געבען אַחופּה (פאלט איבער אלכסנדר. וולאדימיר רייסט אַרויס ביי איהר די שמאַטע, אַלע דערזעהען למך, שרייען געוואלד, אלכסנדר, וולאדימיר אב, שפרה נעבען שמואל'ן).

למך: (אויך ערשראָקען) וואָס שרייט איהר? וואָס שרעקט איהר מיך, וואָס מאַכט איהר מיך משוגע? ש.. איך הער זיי געהן, אַסך מענשען געהן, זיי לויפען מיר נאָך, דאָס לויפען די מחבלים מיט די ווייסע פאַרטיכער, וועלכע האָבען אייזערנע הענד, זיי ווילען מיך ווידער פיהרען אין דעם גרויסען הויז, וואו לעבעדיגע מענשען געהען אום ווי טויטע, זיי וועלען מיר ווידער שלאָגען, זיי וועלען אָנטהון אויף מיר איין אייזערנע העמד און מיט זייערע הארטע קניע וועלען זיי מיר דריקען מיין האַרץ, אוי טאַטע האָב רחמנות גיב מיך ניט אָב צו זיי, טאַטע!.. (אויפטריט ליזא זימאָן גאָלדשטיין.

למך: אוי זימאָן, ליזאַ... (פאַלט, אין אָהנמאַכט).

זימאָן: איין אונגליק ברודער, וואַסער, וואַסער! (שפרה ברענגט וואַסער, זימאָן שפריצט אויף איהם).

שמואל: ליזאַ, מיין קינד!

ליזא: אוי פאָטער, ווי פערענדערט דו ביסט געוואָרען, ווי טייער האָבען מיר אַלע בעצאָהלט פאַר דעם אירטהום נור, וואָס זאָג איך „מיר" איהר האָט בעצאָהלט איהר זייט שוין קווית אָבער איך? ווי וועל איך געפינען איין רוהיגעס לעבען? ווער וועט מיר יעצט וועלען אין פנים אַריינקוקען?

גאָלדשטיין: איך! ערלויבט מיך ליזאַ און איך וועל אייך פיהרען אין איין ווייט לאַנד, דאָרט וואו מען זוכט ניט צו וויסען, וואָס אין דעם מענשענס פאָריגען לעבען איז פאָרגעקומען. ליזאַ! איהר האָט גענוג בעצאָהלט פאַר אייער גליק.

זימאָן: יאָ, אויף אונז אַלע וועט פאַלען די שולד. ליזאַ! אַריינע זעעלע בלייבט אימער ריין, ווי דער קערפער זאָל ניט זיין בעפלעקט.

שמואל: קינד מיינס, איך וועל דאַרפען דין וחשבון אָפּגעבען פאַר אייך אַלע, וועל איך דאַרפען דין וחשבון אָפּגעבען דעם וואָס איז אויפ'ן הימעל.

למך: אוי אויפ'ן הימעל זינגען יעצט טויזענדער מלאכים, פון

הימעל קוקט יעצט די מאמע אויף אונז און וויינט, די גאנצע וועלט קוקט יעצט אויף אונז און וויינט. ליזא שוועסטער מען טאר ניט זיין קיין שלעכטער, עס איז שווער צו לעבען אויף א וועלט. ווי עס זענען דא שלעכטע מענשען מען טאר זיך ניט גרויס האלטען.

ליזא: ניין ברודער, איך וועל איך מיך ניט גרויס האלטען, פערצייעט מיר אלע — (צו גאלדשטיין) פערצייעט מיר גוטער מענש, וואס איך האב ניט געוואוסט צושעצען אייער עדלען חאראקטער, (רייכט איהם די האנד. אויפטריט אלכסנדר, וולאדימיר).

אלכסנדר: ניין דו וועסט ניט אנטלויפען, קום אריין (שלעפט איהם.

וולאדימיר: איך וועל דיר געבען האלב, מאך אשוויינ.

אלכסנדר: ער האט ערסט ארויסגעריסען פון שפרה'ס בוזעם אשמאטע מיט געלד.

שפרה: געלד? אמכה, דאס געלד איז ביי מיר.

אלכסנדר: און די שמאטע?

שפרה: איז ביי איהם (וולאדימיר צו וויקעלט די שמאטע ווארפט זי אוועק, אלע לאכען). פריהער האב איך דאס געלד געהיט וויל איך האב געמיינט, אז ר' שמואל נעביך וועט ניט האבען אויף דער עלטער ווי זיין אלטען קאפ אוועקצולעגען, איצט אבער, אז מיר זענען אלע אין איינעם, געהער דאס געלד צו אלעמען (געלד אויפ'ן טיש).

גאלדשטיין: יא אלע צוזאמען וועלען מיר לעבען, אלע צוזאמען וועלען מיר אוועק פאהרען און אנפאנגען א נייעס גליקליכעס לעבען.

זימאן: הער ווארעבייטשיק! קיינער האלט אייך דא ניט, איהר קענט געהן.

למך: שמעון, טרייב איהם ניט. ווער איז דאס? — ביי מיר אין קאפ איז איצט אזוי פרעהליך... אוי דאס איז דאך וועלוועלע גנב? וואהין וועט ער געהן ער איז דאך אויך איין אונגליקליכער לאז ער בלייבען דא.

וולאדימיר: א ווילדער מענש דאכט זיך און יעדעסווארט זיינס גיט א צופ ביים הארץ.

זימאן: וואס? וואו איז דער ווילדער מענש? דער ווילדער מענש זיצט טיעף בעגראבען ביי יעדען פון אונז, בעטראכט אלע אונזער בענעהמען, אונזער אויפפיהרונג, זיצט ניט ביי יעדען פון אונז א ווילדער מענש? ווען מיר בילדען זיך, ווען דער גייסט ערוואכט אין אונז, ווען אונזער זעעלע הערשט איבער'ן קערפער, דאן שלאפט אין אונז דער ווילדער מענש, אבער פארקעהרט, ווען וויר שטרעבען נור צו מאטריעלע ציעלען, ווען וויר האבען קיינע אידעאלען, ווען אונזער גייסט שלאפט,

דאַן וואַכט אין אונז דער ווילדער מענש, וועלכער צווינגט אונז צו געהן געגען ציוויליזאַציאָן, געגען די געזעצע דער מענשהייט! — ווען ביי אונז אָט דאָ וועט מעהר קיין פלאַץ זיין פאַר דעם ווילדען מענשען, דאַן ווערדען קיינע ווילדע מענשען מעהר עקסיסטירען.

שמואל: מיין קינד! מיין עדלעס קינד!

למך: אָבער איך שמעון, איך וועל שוין שטאַרבען אַזאַ אונגליקליכער, איך וועל שוין מיין גאַנץ לעבען בלייבען אַ אידיאָט. איך וועל שוין קיינמאָל ניט זיין אַזאַ מענש, ווי אַלע, (וויינט) פאַר וואָס קומט עס מיר?

אלכסנדר: דו ביזט אונגליקליך?.. הלואי וואָלט איך געווען אויף דיין פלאַץ, אָן דיר וועט קיינער ניט פאַרגעסען...

וולאַדימיר: נאַרעלע, איך האָב אָן דיר ניט פאַרגעסען, מיר וועלען אויך דאָרט געהן, וואָהין אַלע וועלען געהן. מיר וועלען פּריוועוען אָב עס איז מעגליך פון זשוליקעס צו מאַכען שטיקלעך מענשען, נור איידער מיר וועלען אָנפאַנגען אַ נייעס לעבען צו פיהרען מוזען מיר אַרויס וואַרפען די אַלטע שמאַטעס, אָהן אַלטע שמאַטעס! (הויבט אויף שפרה'ס טיכעל) ר' שמואל לעבען, איהר מוזט מיר מוחל זיין, ביי אייך אין בוזעם האָב איך אויך געזעהן אַנ'אַלטע שמאַטע איז עס געלד, קענט איהר עס האַלטען, טאָמער עפּעס אַנדערש גיבט עס אַהער, וועל איך עס אַרויס־וואַרפען (שלעפּט אַרויס פון זיין בוזעם אַ שמאַטע, צוויקעלט עס, דערזעהט איהר שיכעל) איהר שיכעל? אַרויס דערמיט.

למך: (דערזעהט אויפ'ן קאָפּע דעם קאַנטשיק) וועלוועלע גנב גיב אַהער, אָט דאָס איז אויך איין אַלטע שמאַטע, וואַרפט עס אַרויס (וולאַדימיר נעהמט עס וואַרפט עס אַרויס).

זימאָן: נו קינדער אַלע צו מיר, אַלע זאָלען מיר יעצט אָנפאַנגען איין נייעס לעבען אָן אַלטע שמאַטעס, העראונטער מיט די אַלטע שמאַטעס! (כאָר)

פאָרהאַנג פאַלט

צו געגעבענע ליעדער

באר: (זעה זייטע 11) פרעהליך, פרעהליך, פרעהליך, פרעהליך
זינגט מיט גרויס געפיהל
פלעסקעט אויך
שרייט מיט כוח
מזל טוב ר׳ שמואל.
ווי אזוי זאל מען ניט לאכען
און ניט חוזק מאכען
דאס איז א שענע פאר
שיינע חתן כלה
מיר קענען זאגען אלע
אויף זיי ביידע אזא יאהר, חא, חא, חא,

קוקט אן ביידע — ער אן ביידע
גרוי אזוי ווי א וואלד
זי א צרה — די כפרה
וועט ער ווערען באלד.
ער וועט זי דערקענען
זי וועט זיך צו איהם נעהמען
גיך אזוי ווי א האפ,
ער וועט זיך פרייען
זי וועט איהם אבדרייען
איה״ש דעם קאפ.

קע קוויאק.

(זעה זייטע 22)

וולאדימיר: זעלדעטשקע די קליינע פערשטעהט שוין א געשעפט
זי זוכט נאר די ממתקים און דער נאך נאר טרעפט
זי וויל נאר גוט אנפארבען אט דעם אלטען באק...
דערנאך וועט זי שוין טאנצען א פרעהליכען קע קוויאק.

אלע: ווער עס וויל פריליך זיין אן א שיעור אן א שיעור
ווער עס וויל לעבען, אזוי ווי מיר, אוי וועה מיר
טרינקט זשע בראנפען ביער און וויין
וועט איהר שטענדיג לוסטיג זיין.

אלכסנדר: איך האב ניט געוואוסט קיין חיות, כ׳האב ניט געקענט
די וועלט.

ב׳האָב ניט געזוכט קיין אוצרות, ב׳האָב ניט געזוכט קיין געלד.
ביז דו ביסט געקומען בין איך געווען אַ באָק,
איצט איז מיר לוסטיג פרעהליך און איך טאַנץ קע קוויאָק.
ווער עס וויל פרעהליך זיין א. ז. וו.

שפרה: שמואל דער אַלטער תרח, פיהרט זיך זעהר פיין,
די נייע בעל הבית׳טע לעגט איהם אין דר׳ערד אַריין.
זי גנבעט ביי דעם אַלטען און בעהאַלט אין זאָק;
אוי וועט ער שוין טאַנצען נעבּיך אַ קע קוויאָק
ווער עס וויל פרעהליך זיין א. ז. וו.

למך: כ׳האָב געטרונקען בראָנפען, כ׳האָב געטרונקען ביער.
דער קאָפּ, דאָס האַרץ, די ביינער, אַלסדינג רוישט אין מיר
איך בין געוואָרען פרעהליך און שעהן אַזוי ווי אַ טאָג
כ׳וועל האָפען, שפּרינגען, טאַנצען אַ גג מגג פּיק פּאָק.
ווער עס וויל פרעהליך זיין א. ז. וו.

פערלאגס־בוכהאנדלונג „יבנה“.

ספעציעלע ביכהאנדלונג פאר יודישע ליטעראטור, קונסט־געשיכטע אין־ווייסענשאפט אין העברעאישער, ושארגאנישער, פוילישער און אנדערע שפראכען.

גרויסער אויסוואהל

פון: לעהר־ביכער און מעטאדעס צו ערלערנען העברעאיש, רוסיש. פאלניש, דייטש, ענגליש און אנדערע שפראכען. פערשידענע יודישע בילדער, אנזיכטס־קארטען, און אלבומ׳ס, — יודישע נאטען פאר פיאנא און פיעדעל פון אלע יודישע טהעאטער־פיעסעס, ניגונים טענץ א. ז. וו.

אלע ביכער פון די פערלאגען: אחיאסף, תושיה, מוריה, האור, פראגרעס, די וועלט, צוקונפט, חרות, המון, קאמפף און אנדערע.

!!!וויכטיג פאר פראווינציעלע בוכהענדלער פעראיינען און ביבליאטהעקען !!!

כדי צו געבען די מעגליכקייט פראווינציעלע בוכהאנדלונגען פעראיינען און ביבליאטהעקען אלעס אין איין ארט און צור צייט צו בעקומען — האבען מיר אויסער אונזער אייגענע אויסגאבען קאנצענטריט ביי אונז אין בוכהאנדלונג זעמטליכע אויסגאבען וואס ערשיינען אין די לעצטע צייט, יעדער קונדע ווערט אויפגעפאסט און גלייך נאכ׳ן עמפפאנג פרישער ביכער און בראשורען ווערט יעדען געשיקט לויט זיין בעדארף.

!!! די בעסטע בעדינגונגען !!!

בעהאנדלונג, שטרענג רעעל און פינקטליך

Книжный магаз. издат. „ЯВНЕ“
Варшава Дикая 13, тел. 192,76.

קאטאלאג פון די בעסטע נייע טעאטער שטיקע.

		פרייז קאפ׳
אייביגער יוד, אַחשור,	ה. הייערמאַנס	7
אייביגע ליעד,	ס. אַרנשטיין	12
אוריאל אַקאָסטא,	י. לערנער	25
אחשורוש,	א. גאָלדפאַדען	20
אידישער פריץ,	נ. שייקעוויץ	20
אַלגעמיינער סטרייק,	ה. שטיפט	15
אַמעריקאַנער אַרבייטער	יעקב טער	10
אשה רעה,	י. לאַטיינער	25
איטשע מאיר צו די וואַהלען,	מ. ווידרעוויץ	6
אסתּר׳קע,	ה. עפּעלבערג	25
באבע מיט׳ן אייניקעל,	א. גאָלדפאַדען	20
בית דוד,	ס. האָראָוויץ	25
בן הדור,	הורוויץ	25
בל׳מעלע,	י. לאַטיינער	25
בר כוכבא,	א. גאָלדפאַדען	25
געֶבּרידעֶר לוריעֶ,	י. גאָרדין	25
גאָט מענש און טייפעל,	י. גאָרדין	30
דאָקטאָר אַלמאַסאדאַ,	א. גאָלדפאַדען	20
דאָראַ,	שליפערשטיין	25
דבורה׳לע מיוחסת,	י. גאָרדין	20
דוד אין דער וויסטע,	ה. עפּעלבערג	20
דוד׳ס פידעלע,	י. לאַטיינער	25
דער קאַמפף,	ה. שטיפט	15
הדסה די חלוצה,	ש. בעקערמאַן	25
הערצעלע מיוחס,	מ. ריכטער	25
דער ווילנעֶר בעל הבית׳ל,	ס. אַרנשטיין	30
ווילדע פּרינצעסען,	י. גאָרדין	30
דעֶר ווילדער מענש.	י. גאָרדין	25
זשידאָווקא,	י. לערנער	25
חאשע די יתומה,	י. גאָרדין	30
חינקע און פינקע,	י. לאַטיינער	25
טאַטע מאַמעס צרות,	ל. געבעל	20
יהודית און אַליפאָרנוס,	י. לערנער	20
די יודען,	י. טשיריקאָוו	35
די וועבער,	הויפטמאַן	15
דער הונגער,	ס. יושקעוויטש	25

		פרייז קאפ׳
חנוכה, היסטאָרישע דראמע.	י. לערנער	25
מאַמאָן דער געלד־גאָט,	י. לאַטיינער	25
קעניג הורדום,	ד״ר לאנדא	30
יודישער קעֶניג ליר,	י. גאָרדין	25
די לעצטע חשמונאים,	י. ל. וואָהלמאַן	25
דער אינטעליגענט,	פרץ הירשביין	25
גליקס־פערגעסענע,	ד. פינסקי	7
כישוף מאַכערין (צויבערין).	גאָלדפאדען	25
כל נדרי,	א. שאַרקאַנסקי	20
לא תחמוד,	א. גאָלדפאַדען	25
מירעלע אפרת.	י. גאָרדין	30
מליץ יושר (רבי יאָזעלמאַן).		20
מעדעא,	י. גאָרדין	20
משיח׳ס צייטען,	ש. אש	35
עקדת יצחק,	א. גאָלדפאַדען	25
עתליהו.	מ. הורוויץ	25
פאמיליע צבי.	ד. פינסקי	12
צוזייט און צושפּרייט,	שלום־עליכם	30
צווייטער המן.	נ. שייקעוויץ	25
קאַבּצענזאָן און הונגערמאַן,	א. גאָלדפאַדען	20
קוני לעמל,	א. גאָלדפאַדען	20
רעפעטיציע,	א. רייזען	7
שולמית,	א. גאָלדפאַדען	25
שוועסטער,	י. ל. פרץ	15
שלום בית,	מ. ריכטער	25
שלמה גאָרגעל,	ס. לאַטיינער	25
שמענדריק,	א. גאָלדפאַדען	20
שפּאַנישע אינקוויזיציע,	נ. שייקעוויץ	20
חפני ופנחס,	א. שאַרקאַנסקי	25
משה חייט.	מ. ריכטער	25
שרה שיינ־יל,	י. לאַטיינער	25
זשאַן און מאַדלענא,	אָ. מירבאָ	20
כאפהא,	י. גארדין	30
גאָט פון נקמה,	ש. אַש	30
שמע ישראל,	דימאָוו	25
קרייצער סענאַטאָ,	י. גאָרדין	25

Книжн. маг. „Явне", Варшава, Дикая 13, Телефонъ № 192,76.